# דער אידעשער שטודענט

## יוזעף קסעמעניצקע

### מאת אמ״ד.

**ווילנא**

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת הרל״ב לפ״ק

---

**ДЕРЪ ИДИШЕРЪ СТУДЕНТЪ**

Студентъ изъ Евреевъ.

Разсказъ А. М. Дика.

---

ВИЛЬНА.

Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*

На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.

1872.

Y3165.17.3
~~JLM 3165.17.3~~
Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER
Nov. 16, 1899.
JG 38.1.17

Довволено Цензурою 25 Августа 1871 г. Вильна.

TRUE STORY

1.

„איינע קליינע באמערקונג איבער דיזע ערצייהלונג.

אין דיזער געשיכטע ווערט דער ציילט דיא לעבענס געשיכטע פון איינעם אידעשין שטודענט וואש האט גיהייסין יוזעף קסעזעניצקע אויש פוילין · זיא איז זייער שיין · אונ דינט צוא גלייך פאר אשיינעם ביישפיל פאר אונזערע נייערע פאקאלענע (נייער דור) וואש נעמען זיך צום שטודיום · דען עס איז צוא זעהען פון איר וואש פאר טייערע אפפער (אפיארעם) דיזער יונגער מאן האט גיבראכט פאר זיינעם גלויבין · דען ער איז ביי ני שטאנען ביי זייער שווערע פראבען כמעט וויא יוסף הצדיק · אונ עאר אונ איז נאך עד היום זייער גוט געלוינט פון גאט · דען ער לעבט נאך אונ איז זייער גליקליך °) :

דיזע געשיכטע איז גישריבין פון אים אליין אין דער אונגערשע

°) אין איינעם פריידיגט (דרשה) וואש עס איז מיר אויש גיקומען אמאל צוא האלטין (זאגין) פאר אידעשע שטודענטין אין איינער שולע האב איך זיא פאר גישטעלט פאר איין ביישפיל אונזערע ערסטע אידעשע שטודענטין וואש וואהרין קרוינשילער (שטיפענדיאטען) אדער דייטליכער צו זאגין קאזאנע קאסטניקעס · אונ דאש וואהרין דניאל חנניה מישאל ועזריה וואש נבוכדנצר האט זייא גילאזט שטודירין אויף זיינע קאסטין אונ האט זייא גילאזט בעקעסטיגען מיט זיינע קעסט · דיזע לייטע האבין זיך אבער אפ גיהאלטין פון דיא פארבאטענע שפייזין אונ האבין זיך גענערט נור מיט הילזען פריכטע (ארבעס באבעס) אונ וואהרין גרושע פאטריאטען (יודען פריינדע) :

1

QUOTED BY OYSLENDER



אונגערשע שפראכע אין צוויא טייל מיט גרויש אריכות · נאכהער וואר עס איבער גיזעצט אין פויליש · אונ מיר האבין עס איבר זעצט פון פויליש אין אידעש טייטש · מיר האבין עס אבער זייער פאר קירצט · מיר האבין ארויש גינומען פון איר נור דיא סאדערזאניע (אסענס) אונ ווייטער ניט · ערסטנס ווייל די איבעריגע איז סעהר פאליטעש (פאליטיציסקי) אלס היסטאלים וואש אונזר אידעשער פובליקום (עולם) האט נאך דער פאר קיין געשמאק · אונ וועט זיך אזו דער בייא מער לאנג ווייליען אלס פארגעניגענען · צווייטענס וואלט עס פאר נעמען סעהר אלס צוואנציג בויגין · אונ אונזערע אידעשע לעזער אונ לעזערינען זיינען נאך ניט גיוואוינט צוא באצאלין אהאלבין קערביל פאר אידעש מייצעשע געשיכטע · ווילין זיך דיא צייט פאר קירצין אונ דעם גייסט אויש בילדען מיט קנאפ קאסטין נור · פאר פינף זעקס קאפייקען · אונ דאש אויך קויפט עס קוים איינער אין אשטעטיל · אונ לייהעט עס דיא איבעריגע אויף ניץ געלט · ניט אזו אבער גייט עס צוא מיט דעם קערפער אויש פוצונג · יעדער באזונדער ברויכט צוא האבין איינעם סאמעטענעם מאנטיל · אונ דער צוא נאך דרייא פילץ טובענע · אונ אזו ווערט אין סך הכולל אלץ גיטארגט פיל מעהר פאר דעם גוף אלץ פאר דעם גייסט · אונ דאהער לעבט דער שוטה פיל בעסער אין דאש רוב קליינע שטעטלאך אלס דער רב :

2.

דער יוזעף קסעמעניצקי דער צײלט פון זיינע קינדעשע יאהרען ·

אין דעם יאר (1810) בין איך גיבארין גיווארין אין אדארף קצערניץ וואש ליגט צוויא מייל פון דעם גאליציאנישען גרעניץ · מיין פאטער האט גיהייסין אברהם קסעמעניצקי · ער וואר איין גיבארענער ישובניק אונ דער צוא אחסיד · אזו גאנץ גינוג צוויא אטראכין אום צוא זיין העכסט אגנויסענד אונ אבער גלויבש ·

ביז



ביז מיינעם אכטין יאהר האב איך מיר ערצויגין גאנץ ווילד · איך האב ניט גיוואוסט פון קיין צורת אות · אונ האב אום זוסט זיך גישפילט מיט דיא פויערשע קינדער אין זאמד · אין שטיינדלאך · אונ וועטין זיך ווער קען בעסער לויפין · אונ אום ווינטער פלעג איך מיר צוא שפילין מיט דיא ניא גיבארענע קעלבער · מיט דיא יונגע ביצקעם אין קופקעם קלייען °) אונ אין גאנץ קאלטע טעג פלעג איך מיר פאר ברייגגען מאנכע טאג מיט דעם זיצין אויף דעם אויבין · אדער מיט דעם אן הויכין אנהאסין אויף דיא פאר פרארענע שויבין · איין אידין האב איך דארט אין דיא אויגין ניט אן גיזעהען · דען דער דארף ליגט אין איינעם זייער . פאר ווארפענעם ווינקיל צווישין אגרוישין וואלד אונ צווישין אגרוישע אזערע · אונ ווען עס פלעגט שוין יוא איינער אהין פאר בלאנדזען פלעג איך מיר באהאלטין פאר אים · דען איך האב מורא גיהאט טאמער וועט ער מיר פרעגין וועלכע סדרה גייט היינט · אדער וואו איז מזרח · אדער ער וועט נאך פרעגין פאר וואש דאווען איך ניט · אונ דאש ווארין דאן בייא מיר אלץ אזעלכע שאלות וואש לא די איך האב דארויף ניט גיקענט ענטפערין איך האב עס אפילו ניט פארשטאנען וואש ער מיינט דער מיט · אונ אלס מיין פאטער פלעגט מיר מיט צוא נעמען אויף ימים נוראים אין שטאט · פלעג איך מיט אים אריין צוא קוקין אין מחזור וויא אהאן אין בני אדם · דען ניט ער אונ ניט איך האבין גיוואוסט וואש דארט שטייט · אונ פלעגין אזו דאהטין אין שולכעל בייא דער טיר פאר חראפען בפעט דעם גאנצין דאחנען :

אין מיינעם ניינטען יאר אלס מיינע אשוועסטער וואר שוין אלט

°) איין דארף שפיל · דאש מען מאכט קופקעם פון קלייען · אונ אין איינע ליגט מען אריין אדרייער · אונ מען מוז טרעפין אין וועלכע עס ליגט :

ARRIVAL OF HIS SAVIOUR



אלט איאר צוויא אונ צוואנציג אונ מיין פאטער האט אן גיהייבין שוין אריין צו לאזין שדכנים צו זיך אין שטוב · האט ער דאן אויש הייליע בושה נור גינומען ארבין פאר מיר · אבהור פון איאר פינף אונ צוואנציג אפראכטמאק ארויש צוא נעמען אים אלע ציינער · ער האט אים באדונגען דרייא רוביל אזמן מיט עטליכע איילין ליידענט אויף אפאר שטאנגען · דער צוא אבער האט ער גימוזט אויך העלפין פאר רייבין דעם מאיואר אין ברויז · קין שפאלטין אויף דיא בהמות אכטונג געבין · אונ האט זיך אזו באשעפטיגט דער מיט פיל מעהר אלס מיט מיר · ער וואר אבער ביא אונז מער ניט וויא איבער איין חינטער · אונ איך האב ביא אים גיהאט אגרוישע פעולה · ערשטענס האט ער מיר אויש גילערינט וויא צוא געבין שלום עליכם · צווייטענס דעם א״ב מיט דיא נקודות · דריטענס וואו מזרח איז · אונ לסוף דיא ערשטע קשיא פון דיא פיר קשיות · ברכה זאגין האב איך שוין גיקענט פון פריער · דען עס פלעגט מיט מיר צוא זאגין דיא האנולקע איינע אלטע שטוב גויה וואש האט נאך געדינט ביא מיינער גרויש מוטער גאלדע אפרומע נשמה · מעהר האב איך ביא אים ניט דער לערינט וויל ער האט מער ניט גיקאנט · דען דיא עברי וואר ביא אים אין גאנצין אויש גיקראכין · אונ דאהער האט שוין מיין פאטער גימיינט דאש איך האב שוין אויש גילערינט כל התורה · אונ האט אזו באלד נאך פסח וויא ער האט אויף גיהערט צוא טרייבין אין ברויז אונ האט אן גיהייבין צוא טרייבין דיא בהמות אין פעלד האט ער אן גיהייבין ארויש צוא טרייבין פון שטוב דעם רבין עס וואר שוין אבער צוא שפעט · אונ האט אים אזו גימוזט דער האלבין ביא זיך אויף ווייטער · דאש הייסט פאר איין אידעם אונ האט אים גימאכט פאר אווינקלער *) :

נון

*) איין ווינקלער ווערט אן גירופן אשיינקעריל וואס ארענדאר זעצט פון זיך אין אייטיגין קליינעם דערפיל צו פר קויפין בראנפין :



נון פאר שטייט זיך לייכט דאש ווען מיינער ערציהונג האב איך געראופט בלייבין נור אפאסטוך · נור דער גאט וואש דער פסוק זאגט אויף אים (קץ שם לחושך) ער האט גימאכט איין ענדע צוא דעם חושך וואש וואר פאר דער בריאה מיט זיינעם איינציגין ווארט „יהי אור" עס ווערט ליכט · דער זעלבינער גאט האט אין איין יאר ארום גימאכט איינע ענדע צו דער פינסטערנעס פון מיינעם פאר שטאנד · אונ עס איז גיווארין ליכטיג אין מיינעם גייסט דורך זיינעם איינציגין ווילין דאש אגרוישער אידעשער געהילף העגדלער זאל דינגען דעם גרוישין וואלד וואש וואר לעבין אונזער דארף וואש האט גיהערט צוא דעם גראף דעמבראווסקי אונ דיזער האליץ העגדלער האט אריין גישיקט אין דיזען וואלד זיינעם אשאפער איינגין מאן וואש ער האט גיהייסין ר׳ דוד צענסטאחאווער · דיזער ר׳ דוד וואר אגאנץ שיינער מענטש · אלמדן אונ איין געבילדעטער · האט פאר שטאנען זייער גוט העברייעש · פוילישׁ · טייץ · אונ וואר דער צוא איין געשיקטער בוכהאלטער · איין גוטער רעכען מייסטער · אונ האט דעם האליץ גישעפט פארשטאנען זייער גוט · אונ דיזער שאפער האט זיך איין גיקוואטירט ביא מיינעם פאטער אין אנטקעגעדיגע שטיביל וואש וואר ביז אהער ניער אפ גיזאזין · אונ וואש ער האט איר גילאזט זייער גוט ראפעריהען :

נון האב איך גיהאט דאש גליק אים אזו ווייט צוא גיפעלין דאש ער האט מיר אויש גיבעטין ביא דעם פאטער דאש איך זאל זיין זייער אמיילציק · דאש הייסט איך זאל אים מאכין דעם שאמאואר · דיא שטיוועל אפ פוצין · דיא קליידער ריינגין · דיא שטוב ציסצען · אונ נעכטיגין ביא אים · אונ אזו נאר עסין ביא אים · איך וואר שוין דאן איאר צעהען אגעזונטער איגנגעל · אונ דער צוא זייער שיין · אין דיא ערשטע וואך האט ער מיר מיט גינומען מיט זיך אין שטאט · אונ דארט וואר איך מיט אים דעם ערשטין מאל אין באד שטוב · ער האט מיר גילאזט ארום

שערין · האט מיר געקויפט אנייע היטעלע · האט מיר געלאזט
מאכין א פאר הויזלאך · א פאר שטיוועלאך · אונ האט מיר אזו
שיין צוא גיקליבין דאש מען האט מיר אין דארף שוין גאר ניט
דער קענט דאש איך בין דער וועלפיגער יאמציק וואש וואר
פריער · אונ דער פאר האב איך דעם חדר אפ גיהיט וויא מיין
אויג אין קאפ · דאש ער וואר פון מיר העכסט צוא פרידין אונ
האט מיר באקומען זייער ליב :

נאך ליבער בין איך אים גיווארין · אלס ער האט אן
גימערקט אן מיר דאש איך האב איין זייער גוטין קאפ · דען
ביא יעדעם מאל ווען ער פלעגט דארפין אויש צאלין די בויערין
פאר צאסקע אונ וואסקע · פלעג איך אים זאגין דעם רעכענונג
אזו פון דעם סך הכל אונ אזו וויא פיל עס מאכט אויש פאר יעדין
קלאפטער באוונדער פיל גיכער אלס ער פלעגט עס באראכענען
מיט זייגער פעדער · אונ אזו האט ער באוואונדערט מיין גרוישין
זכרון · דאש אין עטליכע טעג האב איך שוין גיוואוסט וויא מען
רופט יעדין בויער מיט זיין נאמען אונ אזו מיט זיין פראזוויסקי
אונ עס וואריך זייערע מעהר אלס צווייא הונדערט · אויך איז אים
גיפעלין מיינע ריינע אויש שפראכע · אונ האט מיר אזו אן
גיהייבין זייער שרעקליך צוא באדויערין דאש מיינע מאלענטע
(ספאסאבנאסטעק) גייען אוועק אין גאר ניכט · אונ אלס ער האט
איין גיזעהען דאש מיט מיינעם פאטער איז גאר ניט דא וואש
צו רייךין ווענין מיר · דען ער האט גהאט אזו אבגעריף פון לערנין וויא
אקוא פון דעם בלאען מאנטאג · האט ער אויש פורעם מיט ליידין
מיט מיר אליין גילערינט אין זיינע לידיגע צייטין · אין פיר
וואכין האב איך מיר אויש גילערינט ביא אים עברי זאגין ·
ציפער שרייבין · אונ האב מיר דער לערינט ביא אים רעכענען
אונ שרייבין אין אזא קורצע צייט · אונ אזו בין איך ביא
אים קלאר גיווארין איבער איינעם ווינטער אין גאנץ חומש ·
אונ דער צוא נאך פויליש לעזין · דען חוץ מיין גרוישע השגה האב
איך



איך נאך גיהאט הער צו א גרוישין מלמד · אונ האב מיר באשעפטיגט
איסער מיט לערנען · לעזין אונ שרייבין · אונ דעם ר' דוד האט
עם אזו הייט גיפעלים דאש ער פלעגט זיך היטין צוא שטערין
מיר אין דעם מיט וואש פאר אבערינג אהער באנג וויא אויך
ער נייטיג וואר :

קודם דער פון דרייא יאר איז דיזער מאן ביא אונז איין
גישטאנען · אונ דיזע גאנצע דרייא יאר האט ער מיר גיגעבין
אונטערריכט אין אלע ענינים וואש ער האט נור גיקענט אונ
פארשטאנען · אונ איך האב זיין אונטער ריכט זייער גוט
פארדייעט אונ זייער גוט באנוצט דאש אין מיינעם דרייצעהנטין
יאר וואר איך שוין איין האלבער למדן אונ איין האלבער ליטעראט
(גילעדינטער) דען איך וואר שוין בעלעזין אין העברייעש · פויליש
טייץ · האב שוין שיין גישריבין · אונ האב גיהאט שוין איין גוטין
באגריף פון דער וועלט · דען דיזער ר' דוד האט גיווירקט אויף
מיר מיט זיינעם קלוגין אום גאנג מיט מיר פיל מער אלס מיט
זיינעם לערנען מיט מיר · אונ ער האט זיך ניט גיקענט גינוג אפ
וואונדערין אויף מיין גרוישע השגה אונ מיין גרוישין זכרון · דאש
ער פלעגט צוא זאגין פאר די סוחרים וואש פלעגין אהין צו קומען
דיזער שיינגעץ לערינט ניט · ער דער מאנט זיך נור וואש ער
האט גילערינט ביא דער מוטער אין בויך · פאר זיינעם אפ פארין
פון אונז האט מען מיינעם פאטער אויש גידונגען פון דער ארענדע ·
אדער ניין דוכט מיר ארויש גישריבין · (ווייל ער האט אן גיגעבין
אביטשריפט אויף דעם גראפס אזון וואש וואר דאן עפעס עלטער
פאר מיך דאש ער מיט זיין גוועדנער האבין איבער גירעטין מיינעם
אקליינעם ברודער פון איאר זעקס אונ איז דער פון באלד גישטארבין
אונ מיין פאטער האט דורך דעם זייער פיל גליטין · ערשטענס
האט מען אים ארויש גיווארפין פון דער ארענדע · אונ צווייטענס
וואר ער צוא ליב דעם ארעסטירט מעהר אלס איאר אין גובערניע
אונטער דעם אויש רייד דאש מען ברויכט אים צוא דער סלעדצוויא
באמת

CORRUPTION OF THE POLISH NOBLES

באמת אבער דאש ער זאל זיך ניט קלאפאצען וועגען דעם ביא דעם פירקט · אזו וואר עס גינוג אורזאך צוא מיינעם אוועק מיט דעם ר' דוד קיין צענסטעחאווע · דען איך האב מיר ניט גיהאט וואו אהין צו טאן · אונ דארט האט ער מיר אויך זייער שטארק מקרב גיוועזן · ער האט מיר דארט באשטעלט טעג ביא זיינע באקאנטע · ביא אים וואר איך שבתים אונ ימים טובים אונ בין מיר אפ גיוועזן אזו דארט איאר אנדערהאלבין אונ האב גילערינט דארט אין בית המדרש מיט גרויש פלייס אונ בין מיר קלאר גיווארין אין כמה מסכתות · אונ האב נאך דער ביא דער לערינט נאך פילע זייטיגע זאכין :

אין יענער צייט האט מיין פאטער וואש האט זיך שוין אויש גידרייט פון דער סלעדקטזא אונ איז ארויש ריין פון איר · אונ האט באקומען אבעסערע ארענדע אלם דיא פאריגע אונ האט מיר גיוואלט אפ נעמען צוא זיך · פאר מיינעם אויש געבילדעטין נייסט אבער וואר שוין דאן איין ישובישער לעבין איינע וואהרע זיבירען · אונ האב שוין דאן גערייגקט פון פיל גרעסערע פלענע אלם איין ראנדאר צוא ווערין אונ קנייצין זיך אין דרייען פאר דעם אקאנאם · קאמיסער · אונ פאר דעם פאריץ אליין · אונ עס איז גיבליבין ביא מיר דאש איך זאל אוועק קיין ווארשא אום צוא שטודירען דארט אין דער ראבינער שול וואש האט זיך ערשט מיט אפאר יאר צוריק גיעפינט · אונ בין טאקע אהין אוועק :

3.

פון מיינעם זיין אין ווארשא.

איך בין אן גיקומען קיין ווארשא אין מיינעם פופצעהנטין יאר מיט גוטע רעקאמענדאציעס צוא דעם דירעקטאר פון שול אונ צוא דיא לעהרער אין וועלכע איך וואר פאר גישטעלט פאר זיא אלם נגינים (גלוי) איך בין זייא באלד ניפעלין גיווארין דורך





מיין פיגור · דען איך וואר דאן שוין איין בידדעשייגער יונגלינג (בחורעל) · זייא האבין מיר פאר הערט אונ איך האב ביא זייא זייער אויש גינומען · זייא האבין מיר באלד באשטעלט טיש אדער בעסער צוא זאגין טעג ביא דיא גרעסטע גבירים פון שטאט · אונ האב מיר גינומען זייער פלייסיג צום לערנען · דיא לעקציאנען כאבין וואר מיר איין שפיל · אונ איין עקזאמען אויס צוא האלטין וואר מיר פעדער לייכט · אונ וואר אזו גירעכינט אין שול אונטער דיא שילער פון ערסטין ראנג דאש הייסט אונטער דיא בעסטע וואש דיא לעהרער האבין זיך מיט זייא געשפיגעלט פאר דיא נאצייל(ק)סטווא · אונ איך וואר אזו געליבט אונ געשיצט פון מיינע אבערקייט · פון מיינע לעהרער · פון מיינע מיטשילער (חברים) נאך מעהר פין דיא גבירים וואש איך האב גיגעסין טעג ביא זייא נור צוא ליב מיינע גוטע אויפפיהרונג אונ מיינע גוטע מיינונגען וואש איך האב גיהאט פון שול אונ פלעגין מיר זייער אפט אויש צוא העלפין אין אפאר שטיוועל · מייטקעס · אראק אונ אויך מיט אמטבע :

עס וואר דאן אין שול שילער בערך דרייא הונדערט · פון פארשיידענע קלאסין · קינדער פון ארעמע עלטערין פון רייכע אונ פון מיטעלען שטאנד · דיא בעסטע ווארין פון זייא דיא וואש האבין גוט גמרא פארשטאנען · אונ דיא וואש האבין גיבראכט מיט זיך בילדונג פון צוא הויז · דיא וואש זיינען אבער אן גיקומען רויא · אונוויסענד אונ אן ערציהונג פון צוא הויז · האט די שול אויך זייא זייער קנאפ געווירקט · זייא האבין אין איר באקומען איין אויבער פלעכליכען פאליטור אונ ווייטער ניט · אונ פלעגין ארויש צוא גיין אן קענטניס · אן רעליגיאן אונ אויך אן זיטען · אונ אזו ווארין דאש רוב פון זייא · אונ דאהער האט דיא שול ניט אויש געפירט איר צוועק דארט · דען וויא ווייט איך ווייס איז נאך ניט איינער גיווארין פון זייא ראבינער · אונ אלם עס איז גיווארין אין דעם איין אונ דרייסיגסטין יאהר דארט די פאאווסטאנע

HOW THE SUPERFICIAL STUDENTS JOINED THE REBELLION

1831



(מאטעו) האבין דער גרעסטער טייל פון זייא ארײן גישראב[...]
אין דיא פוילישע רייטער · איך שרייב עס גור אום צוא געב[...]
דער מיט אוואונק מיינע גלויבענס ברידער · דאש זייא זאלין זי[...]
ניט איילין אפ צוא געבין זייערע קינדער אין דיא קלאסין ב[...]
בר מצוה דאמיט זייא זאלין האבין גינוג צייט צוא גענוקען איי[...]
גוטע ערציהונג צוא הויז · אונ צוא דער לערנען העברייעש [...]
דאש הייסט תנך אונ אויך פיל ווייניג גמרא · דען לבד וואש [...]
דאש ניט זייא איינען באגריף פון דעם אידעשין דת ווערקט ע[...]
נאך אין זייא אויף דעם פארשטאנד · דען דאש שארפט דעם [...]
שכל · דען זעלבסט דער אידעשער דקדוק אליין איז פאר בוגד[...]
מיט גרויש שארף זין · אונ דיזע באמערקונג האב איך גימאכט [...]
אויש פראקטיקע · דען דיא גמרא קינדער ווארין דארט דיא [...]
בעסטע שילער אונ עס זיינען ארויש פון זייא גרוישע מענער [...]
אונ גרוישע קענער :

אין אפאר יאר ארום נאך מיינעם אן קומען אהין האב
איך שוין אן גיהייבין צוא פארדינען פון אונטער ריכט · האב מיר
אן גיהייבין צוא קליידין זייער גאלאנט אונ האב אויך גיקליבין
דעם גראסין · אויך האב איך מיר אפ גיזאגט פון דיא טעג דען
איך האב באקומען טיש ביי איינעם גביר מיט נאך צעהען
רובל אמאנאט דער צוא פאר דעם וואש איך האב גיגעבין
אונטער ריכט זיינעם אקליינעם זון · גון האב איך מיר שוין
גיקענט האלטין פאר גליקליך אונ האלטין זיך פאר איינען קרעזוס °)
בערך מיינעם פאריגען גראד וואש איך וואר נור איין ווימטער
ישובעשער אינגעל · נור דער מענטש איז שוין אזו איין מאל
געשאפין

°) דער קרעזוס וואר איין קיניג אין לידיען וואש איז אין
קליין אזיען · אונ וואר דאן דער רייכסטער קיניג אין דער גאנצער
וועלט · דאש מוס זיין נאמען ווערין אן גירופין נאך עד היום אלע
גרוישע נגידים אונ זעלבסט קיניגע ::



[...]נעשאפין: דאש ער באנוגענט זיך קיין מאל ניט וואש ער האט
[...]אונ שטרעבט (יאגט זיך) אלץ נאך בעסערס · אונ דיזער פאל
[...]וואר ביי מיר אויך · איך האב מיר אן גיהייבין צוא באַרעכענען
[...]דאש מיין שטודירען אין ראבינער שול וועט מיר ניט פירין צוא
[...]איינעם רעכטין ציל · קוים וועל איך טויגין צוא זיין איין
[...]קראספענדעט · אדער ווען פיל שוין גיזאגט איין בוכהאלטער
[...]אין אקאנטאר גישעפט · אונ דאהער איז ביי מיר גיבליבין דאש
[...]איך זאל ארײן אין גימנאזיום · דען פון דארט קען איך באציהען
[...]דעם אין אוניווערזיטעט · אונ קען ווערין אדאקטאר אדער איין גוטער
[...]יוריסט · אונ קען אזו בלייבין איין פארזארגטער מענטש ביז מיין
[...]לעבין · אונ האב מיר אזו אין דעם דריטין יאר פון מיינעם
[...]שטודירין אין דער ראבינער שול פארטיגט צוא דעם פינפטין
[...]קלאס פון גימנאזיום · אונ בין דארט אויף גינומען גיווארין זייער
[...]לייכט · דען איך האב מיר אויש גיצייכינט דארט מיט מיין
[...]עקזאמען · אונ בין גיווארין מיט דער צייט איין ליבלינג פון דעם
[...]דירעקטאר אונ פון דיא פראפעסארין אונ פלעג צו ענדיגען יעדע
[...]קלאסע מיט אפאחווילע אונ מיט איינער אטליצע · איך האב
[...]דארט שטודירט דרייא יאר וואש זיינען מיר איבער גילאפין ווייא
[...]איין זיסער טרוים · דען דער וויילע זיינען זייא מיר די גליקליכסטע
[...]יארין פון מיינעם ביז היינטיגען לעבין · איך האב מיר אין דיזען
[...]משך דארט ערווארבען (באקומען) זייער פיל פריינדע פון דיא
[...]גרעסטע שלאכעטנע פוילישע הייזער · דאש איך פלעג ווערין
[...]גילאדין צוהין אויף בעלע · אונ אזו גלאט צוא דיא גרעסטע
[...]געזעלשאפטין ווייל איך האב מיר אויש געצייכענט אלס פאעט
[...]אין דער פוילישע שפראכע · אונ מיין נאמען "יוזעף קסעטעניצקע"
[...]וואר שוין באקאנט אין אלע פארנעהמע קרייזען (סאבריינעם) ·
[...]אונ האב אזו גיענדעט מיין שטודיום מיט איינעם גאלדענעם
[...]מעדייל · אונ מיין גייסט האט שוין אויש גישפאנט זיינע פליגלען
[...]אום ארײן צוא פליהען אין אוניווערזיטעט אום צוא שטודירען
דארט

דארט ווריסט · גיט קקענדיק דארויף דאש איין יודע האט נא
דאן ניט גיטארט זיין איין אדוואקאט אין פוילין · דען איך הא
מיר געשמייכלט (גיתהנפת) דאש מיט מיר וועט מען באכין איין
אויסנאמע ווייל איך וועל געווים זיין איין אויש ניצייכענט
אדוואקאט · דען אזו איז גישעהען דארט שוין לאנג מיט איינע
אויש גיצייכענטין אידעשין שטודענט דאש ער איז גיווארי
פראפעסער פון כימי · אונ צווייטענס ווען ניט קען איך פארדינ
גאר דיא געלט אלם חארעמייא · אונ דריטענס האב איך ניהא
אגרוישע נייגונג (פאר ליבע) צוא דיזעם שטודיום (לימוד) פי
מער אלם צוא אנדערע למדיות ווייל אין דיזעם לימוד איז דא
זייער פיל צוא טאן פאר דעם פאר שטאנד וויא אונזער גמרא זאג
(הרוצה להחכים יעסוק בדיני ממונות) דאש הייסט דער וואש ווי
שארפין דעם שכל זאל זיך באשעפטיגן ניר מיט דער יוריסטריא
אונ האב מיר שוין איין געשאפט געגוג ביכער דער צוא · הא
מיר שוין אויך אויש גיקליידעט וויא אלע שטודענטין וואש ליי
אויף יוריסט · אונ בין מיר אזו אין מיינעם גידאנקען איבע
גיפלויגין דיא פיר יאר וואש דיזער שטודיום דארף גיווערין
אונ האב מיר אזו שוין גיהאלטין פאר איינעם פארטיגין יוריסט
דאך אבער ניט אזו גיך וויא עס רעט זיך טוט זיך צווישי
דייגקען אונ טאן ליגט נאך אמיפער גראבין · נון זאגט נאך דע
צוא איין אלטער שפריכווארט ,ניע שקאזי האץ פוקי ניע פרעסקאץ
דאש הייסט זאג ניט האץ ביז דוא האסט נאך דעם גראבין ני
אריבער גישפרונגען · דאש זעלבע וואר מיט מיר · דען די צייט
האט ניצויגין אגרוישין שטרייך אין מיינער רעכענונג · אונ דא
וואר דער בלוטיגער איין אונ דרייסיגסטער יאר וואש די פאלאקי
האבין זיך אין אים עמפערט (אויף גישטאנען) געגין דעם רוסיסע
קייזער ניקאלייא דעם ערשטין · אונ עס ווארין אין אים באלד
אלע שולין צוא גישלאסין · אונ דיא גאנצע יוגענד זייערע (יונג
ליים) אונ בפרט נאך אלע שטודענטין קריסטליכע אונ אידעשע

זיינען        מ"א



זיינען אריין אין דיא פוילישע מיליטער · קורץ דער פון עס וואר
די גאנצע פוילישע בעפעלקערונג (אלע איינוואונער) וויא בערוישט
(פאר שיכורת) פון דעם דומען פלאן צו באפרייען זיך פון רוסלאנד
אלם זיא ווארין דיא פרייעסטע אונטער איר · עם זיינען נור איין
קליינער צאל פון זיא גיבליבין ניכטער פון דיזען דומען רויש ·
אונ צוא מיינעם גליק וואר איך אויך איינער פון דיזע ווינציגע ·
איך האב ניט גיוואלט אריין טרעטין אין זייערע מיליטער · איך
האב ניט גיוואלט איין נעמען רוסלאנד · איך האב גיוואלט ווערין
נור איין יוריסט אבער קיין קריפעל (אקיילעקע) · אונ האב דאהער
באלד וויא עס האט דארט אן גיהייבין צוא קאכין צוא צו קלייבין
זיך צוא איינעם ויברח · דאש הייסט אום זיך אפ צוא טראגין פון
פוילין · דען איך האב איין גיזעהען דאש איך קען מיר שוין דארט
ניט לאנג אויף האלטין · דען איך וואלט שוין גימוזט ניט ווילענדיק
אריין טרעטין אין מיליטער · דען זאגסט וואלטין מיר מיינע
קאלעגין מיט שמיינער פאר ווארפין · אונ דיא דאמען וואלטין
מיר אין זייער שפייבעל (שפייעכין) דער טרונקען · נון וואר אבער
דאן דיא פראגע ביא מיר וואו הין זאל איך מיר ווענדין · קיין
רוסלאנד וואר מיר אונמעגליך · ערסטענס ווארין דאן די גרענעצין
דארט זייער שטארק גישפארט · צווייטענס וואלט מען מיר דארט
ניט אויף גינומען אין דעם אינווערזעטעט · דיא זעלבע זאך וואר
אויך מיט דעם פרייסעשין גרענעץ · לבד דעם האט מען דאן
דארט קיין פוילישין גילאזט זיין · אונ אזו וואר עס אויך אין
עסטרייך · דאהער איז ביא מיר גיבליבין דאש איך זאל מיך
מישב זיין דאריבער מיט דעם דייטשין פראפעסער פון דעם
גימנאזיום וואש וואר איין עסטרייכער · אונ ער האט מיר גיראטהען
דאש איך זאל מיר ווענדין נאך אונגארען .דארט, האט ער מיר
גיזאגט ,ועסט דוא האבין איינע גוטע אויף נאהמע · איך וועל
דיר געבין איינע גוטע רעקאמאדאציע צוא דעם פאפעציטעל
וואש איז איבער דעם אינווערזעטעט פון פעסט · איין גיבארענער

אונגאר

אונגארן אונ אין מיין בעסטער פאר טרויטער פריינד : דיזער וועט דיר פאר געווים באלד זייער גוט אויף נעמען : נור דוא זאלסט זיך נים אויש ווייזן פאר אים דאש דוא ביזט איין יודע : איך וועל דיר אין מיין בריף צוא אים פאר שטעלין דאש דוא ביזט פון איינער שלאכטע פוילישע פאמיליע : מיט דיינעם נאמען יוזעף קסעמעניצקע : דען איך ווייס דאש עס איז דא אין וואליניען אזו א פאמיליע מיט אזו א נאמען : אונ דוא קענסט אזו דארט העכסט גליקליך זיין : אונ וועל דיך פאר שטעלין אלס עמיגראנט (דאש הייסט איין אנטלאפענער פון דארט וועגין פאליטישע זאכין : דען אזעלכע ליים נעמען אויף דיא אונגערין מיט אפענע ארעמס אונ דוא קענסט אזו ביא איינער גוטין אויף פיהרונג העכסט גליקליך זיין דארט :

דיזער ראט איז מיר זייער גיפעלין גיווארין : אונ אין איינינע טעג וואר איך שוין איבער אלע בערג : איך בין זייער לייכט אריבער דיא גרענעצין פון גאליציאן אונ בין גיקומען קיין פעסט : אונ האב מיר דארט באלד אן גימעלדעט דעם פאפעציטעל : איך האב אים גיציינט דיא רעקאמענדאציע : מיינע פאפירין פון גימנאזיום : אונ האב אים דער ציילט דאש איך לייף יעצט פון מיין עלטעריגם הויז וואש איך בין אקארסט גיקומען אהין פון ווארשא צוא באזוכין זייא : אונ בין דארט אן גיקלאגט גיווארין דאש איך בין גיקומען אהין נור וועגין פאליטישע זאכין : דיזע ערדיבעקעטע (פאלשע) דער ציילונג וואר שוין גינוג פאר אים אום דאש ער זאל מיר בעשיטצלידיגען : אונ האט מיר אזו זייער פריינדליך אויף גינומען :

## 4.

## מיין זיין אין פעסט.

פעסט איז אגרויסע שטאט : זיא ליגט לעבין דער דונאו : זיא האט אין זיך בשך פערציג טויזענד איינוואונער : עס זיינען

דארונטער



דארונטער פיל יודין ווייניג געבילדעטע ווייל זיי זיינען דארט פר טראגן מיט חסידות אבער זייער רייך אונ ווערין גאנץ ווייניג דאהער גיאכטעט פון די קריסטין : דארט איז דר איינציגער אינווערזיטעט פון גאנץ אונגארין אונ אזו אויך דער איינציגער יוסטיץ הויף (סאנדעם) פון דער גאנצער לאנד : מעהר אלס איין האלב יאר האט מען מיר נים אויף גינומען אין אינווערזיטעט ווייל איך וואר נאך גאנץ פרעמד מיט דער אונגערשע שפראכע : איך האב זיא אבער באלד דער לערינט ווייל זיא איז נור איינע פאר מישונג פון לטיין : סלאווים : דאש הייסט איינע ארט פוילעש אונ טייץ : אונ האב מיר דער ווייליע באקאנט גימאכט מיט פיל פוילישע הייזער וואש זיינען דארט : אונ האב באלד באקומען דורך דיא רעקאמאנדאציע פון דעם פאפעציטעל איינע שטונדע אין דאש הויז פון איינעם אונגארישען מאגנאט (פירסט) אין דער לעטיינישע אונ פראנצויזישע שפראכע : אונ דיזע הויז האט מיר געשטיצט ביז מיין לעצטין טאג פון מיין זיין אין דיזער שטאט : אונ אלס איך בין אריין אין אינווערזיטעט : האב איך מיר ערווארבען זייער פיל פריינדע אונ באקאנטע אונטער דיא פארנעהמסטע אונגארען אונ פוילין : ערסטענס דורך מיינער אויש צייכענונג אין לערנען : אונ צווייטענס וועגין מיינע פאטריאטישע לידער וואש איך האב פארפאסט אין פויליש : דער צו נאך וואר איך זייער אונטער האלטענד (געזעלענשאפטליך) אין ריידין : אונ פלעג דאהער איין גילאדען ווערין אין פארשיידענע קרייזען (געזעלענשאפטע) פון גרוישין שטאנד :

ביא אלעם דעם וואר איך מיט זיך אליין וויא ענטצווייט (אום איינינג) : דען עס האט מיר זייער לייד גיטאן דאש איך מוז מיר פאר לייקענען דאש איך בין איד : אונ האב גימוזט אויש מיידין אידעשע גיזעלענשאפטין זעלבסט דיא העכסט געבילדעטע : אונ וואר גיצוואונגען צוא העלפין שפאטין אונ לאכין איבער מיין נאציאן : דען וויא דיא ווארהייט גיזאגט איז נאך נים דא

קיין נאציאן אין דער וועלט וואש זאל זיך אזו לוסטיג מאכין
איבער דעם יודין וויא דיא פוילישע · אזו ביא דער גרעסטע
פארזאמלונג זייערע וויא ביא דיא קלענסטע ווערט אליץ
גישפראכין פון אידין שלעכטעם · אונ גישפאטעט מיט גרויש
שנאה · נאך מעהר וואר מיר שלעכט אונטער זייא מיט דעם
עסין · דען איך פלעג מוזין ביא יעדען מאל ווען איך פלעג
ווערין גילאדען ביא זייא צום טיש ארויש מאכין זיך פון טרפות
צוא עסין · אליץ מיט איינעם אנדערין אויש רייד דאש בין
איך זאט · דאש בין איך ניט גיזונט · דאש בין איך קיין פריינד
פון בראטען אונ דאש גלייכין · אויך האב איך גימוזט אויש מיידין
אאידעשע שול · אונ פלעג מיינעם גאט אלם אן צוא בעטין נור
ביחידות, אין כיין קליינעם דאבציטער (סיילקע) וואש איך האב
אין איר גיוואונט איינער אליין · אונ פלעג דארט צוא דאווענען
אונ צוא לערנען · אונ האב מיר אלם אזו גימוזט היטין פון מיינע
באקאנטע אונ פריינדע דאש זייא זאלין מיר ניט דער וויסין
אין תפילין אדער ביא איינעם אידעשין ספר · אונ דיזעם האט
מיר גיקאסט גינוג גיזונט · ראש השנה אונ יום כפור וואר איך
דארט איין נישלאפין אונ גיבעטעט אין שטילען אונ האב אזו
דאן מקנא גיוועזן דעם מינדעסטין פון אונזערע אידין דאש עס
איז אים פארגונען אן צוא בעטין זיינעם גאט אין דיזע היילגע
טעג אין איינעם היילגען ארט צוא זאמען מיט זיינע ברידער :
מעהר וויא פון אליץ אבער האב איך דארט געליטין פון
איינער פארבאטענע ליבע · דאש הייסט פון אזו אליבע וואש
זיא איז מיר פאר באטין פון ביידע צדדים · הן מצד מיינער
רעליגיאן · אונ הן מצד סאוועסט אדער מענשליכקייט · דען
העטע איך נאך גינעבין פראסט מיינע ליידענשאפט (התאוה)
וואלט איך יענע פערזון וואש האט זיך אין מיר גיליבט העכסט
אום גליקליך גימאכט אונ נאך מעהר אירע עלטערין · דען דיזע
פערזון וואר דיא טאכטער פון דעם אונגארישין מאגנאט · איין





מיידכען פון איאר אכטצעהען · זיא האט גיהייסין עמינגארדע ·
דיא ערסטע שוינהייט פון איהר צייט אונ העכסט געבילדעט ·
זיא וואר איינע ביא דיא עלטערין · זיא וואר זייער גאנצע
האפענונג · זייער פריידע · אונ צוא גלייך אויך זייער שטאליץ ·
אונ האבין אזו גיהאט שוין גאלדענע אויש זיכטען צוא פאר
הייראטהען איר מיט איינגין מאן וואש וואר אזין פון איינעם
גרוישין פוילישין פירסטען וואש האט מעהר אלם צוויא טויזנט
דימעם (חאטעם) איינענע · דיזע מיידכען האב איך גיגעבין
אונטער ריכט דארט אין הויז · אונ זיא האט גיהאט דאש אונגליק
צוא פאר ליבין זיך אין מיר · איהרע ליבע צוא מיר אבער
וואר אין אנפאנג גאנץ באשיידין (צניעדיק) גאנץ געהיים · איין
עטוואס מעהר אלם איינע בלויזע פריינדליכקייט · וואש עס
וואלט מיר גיוועזן פאר געווים זייער שווער צוא שטויסין זיך
דער פון אויף איינע צערטליכע פרויען ליבע צוא מיר · אונ
וואלט עס פאר גיווים ניט פארשטאנען ווער וויים וויא פיל מאנאטע
לאנג · דען איך מצדי האב עס קיין מאל ניט ארויף גינומען
אויף מיינעם גידאנקען דאש אזו אפריילין וואש זיא איז אזוא
אגרוישע מאגנאטקע זאל האבין אויגין פאר מיר ארעמען שטודענט ·
אונ זיא ווידער וואלט מודה זיך אויך ניט ערקלערין פאר מיר
מיט איר ליבע אויש גרוים בושה · אונ עס וואלט זיך ציהען
אזו דיזע געהיימע אונ פארבאטענע ליבע דער ווייסט וויא לאנג
ווען איינע גיווים סבה (אורזאכע אדער געלעגענהייט) וואלט ניט
אויף גיעפינט איר פאר שלאסענעם מונד מיר צוא ערקלערין
וואש זיא דיינקט אין איר הערצין פון מיר ביז אהער · דאך
בעפאר איך וועל עס ערציילין מוז איך דיר מיינע לעזערין
באקאנט מאכין מיט נאך איינע פערזאן וואש שפילט אגרוישע
ראלע אין דיזעם פארבאטענעם ראמאן :
דיזער פערזון וואר איין געוויסער יונגער פוילישער אידעל
מאן איין זון פון דעם קסאנזע די: אונטער ווערכין מיך פאטער

האט גוואונט אונטר אים אין דעם דארף קצערניץ אין וועלכין איך בין גיבארין גיווארין · ער וואר דאן ביא דיזער געשיכטע אין מיינע יארין ער וואר אשיינער יונג איינער מאסען געבילדעט · מוטהיג · דאך אבער פון נאטור זייער גוט אונ זייער שטאלץ · אונ פלעגט אזו מיט פורע הויפענס שיטין רייך פון צוא הויז · אונ האט אין דיזער צייט גישטודירט אין פעסט געלט ארום זיך · אונ האט אין דיזער צייט גישטודירט אין דעם זעלבינין איניווערזיטעט וואש איך האב שטודירט נור אין איינעם אנדערין פאקולטעט (אדעלענע) דען איך האב גישטודירט יוריסט אונ ער דיפלאמאט (פאליטיקער) אונ איך האב גיהאט דאש גליק צוא געבין אים אינטער ריכט אין געאמעטריע (מדידה) · נון פאר שטייט זיך דאש ער איז מיר גיווארן אגוטער פריינד מיט לייב אונ זייל · דען ער האט אין מיר גיפונען אגוטין גיזעלענשאפטר · אגוטין ראט געבער דער צוא נאך האב איך אים אויש געווידין פאר אגרויסין פוילישין פאטריאט · אויך פלעג איך אים מאכין שיינע בריף צוא זיינעם פאטער : צוא זיינע פריינדע · נאך מהר שיינע פערזען (שירים) צו זיינע פריינדינען · נון פאר שטייט זיך דאש ער אליין וואר מיר שוין גינוג אום צוא בעשטרייטען (מספיק צוא זיין) מיין הוצאה · ער איז איין גישטאנען אין זיין איינענעם פאלאץ · דען זיין פאטער האט גיהאט גיטער איך אין אונגאראן · אונ האט מיר כמה וכמה מאל גיבעטין דאש איך זאל ארין גיין וואונען צוא אים אין פאלאץ · מיינע ביסעלע אידעשקייט אבער האט מיר דר פון אפ גיהאלטין · דען איך האב פחד גיהאט דאש מען זאל נים אן שפירין דאש איך בין איין יודע · דיזער יונגער מאן האט גיהייסין „קסאנדז אדאם“ אונ דיזער וואר איין גרוישער איין נייער אין דאש הויז פון דעם אונגארישען מאגנאט וואש איז דער פאטער פון דער עמיננארדע · אונ וואר אזו איינער פון דיא גרעסטע וואש האבין זיך אין איר גיליבט אונ גשרכנת צוא איר · אונ וואש גראדע ... איהר איז וואר איין גינומען דער פאטער : אונ וואר זייער גערין



דאש דיא טאכטער זיינע זאל אויך זיינער מיינונג (זאל מיינען אונ דיינקען וויא ער) זיין דאש הייסט זיא זאל זיך ווערין פאר הייראטהען מיט אים · ליידער וואר זיא עם נים אזו · דען זיא וואר גאנץ אפ גענייגט פון אים · אונ פלעגט אים אויף צוא נעמען זייער קאלט · וויא איינעם נאסט וואש ער איז איר גאנץ גלייכגילטיג (ראוונאדושנא) :

נון מיינע טייערע לעזערין אזו וויים איז דיר נייטיג צוא וויסין פון דיזען יונגען קסאנדז אדאם · אונ אזו גאנץ גענוג אום צו פאר שטיין גיהעריג דעם גאנג פון מיינעם אומגליקליכין ראמאן :

### 5.

### „דיא שרעקליכע ליבע געשטענדים (באקענונג)“

אין דעם לעצטין יאר פון מיינעם שטודירען דארט · אין וואקאציע צייט אלם איך האב שוין באקומען מיין אטטעסטאט האט מיין גוטער פריינד דער קסאנדז אדאם מיר איין גילאדין צוא זיך אויף דעם לאנד אין זיין זומער קוואטיר וואש ער האט גיהאט אין זיין איינענעם גוט וואש וואר נור צוויא מייל וויים פון שטאט אום זיך דארט צוא ערהאלען (שטערקען) פון מיינעם שווערין שטודיום · דען איך האב מיר זייער שטארק אן גישטריינגט פאר דעם עקזאמען · אונ האב אזו דארט צוא געבראכט אפאר וואכין אין גרויש פארגעניגען · דען עם וואר דארט זייער שיינע וועלדער ארום אונ טייכין · אונ האב אזו דארט מיט אים געיאכטעט · געאנגעלט (פיש גיפאנגען) געבאדעט · גישיפט זיך אונ האב מיר דארט ווירקליך זייער גוט ערהאלט (צוא זיך גיקומען) · אויך האבין מיר גיהאט דארט אפטערע בעזוכע פון מיינע קאלעגיומס אונ אזו אויך פון פארנעהמע הערשאפטען וואש דערונטער וואר אויך דער אונגארשער מאגנאט מיט זיינער טאכטער (עמיננארדע) דאש דער אדאם האט שוין גיהאט דער ביא איינע גוטע גילעגענהייט צוא זעהען וויא גוט זיא איז מיר

דין

דען זיא האט זיך זייער שטארק גיפרייט מיט מיר וואש איך זעהע אויש זייער גוט · אונ דאש איך האב שוין גיענדערט מיין שטודיום אונ האט מיר פאר זיכערט דאש איר פאטער וועט אויש ווירקין איינע שטעלע פאר מיר ביא דעם מיניסטער יוסטיץ אונ דאש גלייכין · אונ דאהער איז ביא דעם יונגין קאנדז אויש גיקומען דאש ער זאל מיר ברויכין אלם פאר מיטלער צווישין אים אונ דער עמיננארדע · דאש הייסט דאש איך זאל איר באריידין דאש זיא זאל וועלין נעמען אים פאר אחתן :

קוים איז זיא אוועק גיפארין האט מיר דיזער יונגער העער איין גילאדין אויף איין פויגעל יאכט · אונ אלם מיר ביידע ווארין שוין אין דיכטען וואלד איז ער מיר ארויף גיפאלין אויף דעם האלדז האט מיר אן גיהייבין צוא קושין „ליבער פריינד“ האט ער צוא מיר גיזאגט · דוא ביזט דער איינציגער וואש דו קענסט מיר גליקליך מאכין · זעלבסט מיינעם לעבין רעטירען · איך וויל דאש דוא זאלשט זיך באשפרעכין מיט דער עמיננארדע וועגין מיר דאש זיא זאל מיר איר האנד פערשיינקען · דען איך ווייס שוין פון לאנג אן דאש דוא שטייסט ביא איר אין גרוישין אן זעהען נאך מעהר ווייס איך עם פון איר איצטיגען בעזוך וואש וואר נעציילט פון איר פיל מעהר אום זיך מיט דיר צוא זעהען אלם מיט מיר · איך ווייס דאש איהרע עלטערין זיינען מיר זייער געניינט נור זיא אליין איז עם ניט · איך גלויבע דאש דיינע ווערטער וועלין זייער פיל ווירקין אויף איר · אונ ווען דו וועסט עס אויש פירין בין איך גינוג אידעל אונ אזו אויך גינוג פארמעגענד צוא לוינען דיר מיט זייער פיל געלט אונ אויך מיט גרוישע פראטעקציאן (שיצונגען) :

„בעסטער פריינד“ האב איך אים גיענטפערט · זייא באליידיגין מיך מיט איהרע גרוישע פאר שפרעכונגען · איך בין פארטיג אייך צוא דינען אלם פריינד נאר אן אלע בעלוינונגען · אונ וועל דאנקען גאט דאש ער האט מיר צוא גישיקט איינע

נוטע



נוטע געלעגענהייט אייך אפ צוא דינען פאר אייערע ביזהעריגע וואלטהאטען וואש איר האט מיר גיטאן · גיבט נור גאט דאש מיינע רייד זאלין זיין גיהערט ביא איר · אונ וויא איך גלויבע וועל איך עם זייער לייכט אויש פירין · דען באמת דארף זיא קיינע בעסערע פארטי (שידוך) פאר זיך אלם איר זייט · אונ דאש וואש זיא צייגט זיך אזו גלייך גילטיג געגין אייך גלויבע איך דאם דאש איז נור אויש הוילער שאם (בושה) דען די מיידכען פון גרוישין שטאנד זיינען אימער אזו · זייא פערהיימליכען אימער זייערע נייגונגען ווייל דאש גיהערט צוא דעם באנטאן (דאש הייסט צוא נייע מאדע) · אויף דיזר תשובה מיינע האט מיר דיזער יונגער העער אפ גיענטפערט נור מיט איין האלב דוצענד קיסע (קוסונגען) אונ מיט הייסע פריידענס טרערין · אונ אלם ער האט זיך שוין איין ענטוואם בערוהיגט האט ער מיר ארום גינומען אונ האט גיזאגט „אזו ווייס איך דאש דוא ביזט מיר איין עכטער פריינד אונ בין שוין גליקליך :

מיר האבין אונז באלד אום גיקערט אהיים אונ האבין צוא גיבראכט איינען פריילעבען אווענד · אונ אויף מארגין האט ער גילאזט איין שפאנען זיין קאץ פאר מיר אונ איך בין אוועק אין שטאט אום צוא שפרעכין מיט דער עמיננארדען · איך בין גיקומען צוא איר געגין אווענד אונ האב איר דער וויסט גראדע גאנץ אליין אין איהר צימער · זיא האט מיר זייער פריינדליך אויף גינומען אונ האט מיר גימאכט אקליינעם פארוואורף (אוים רייד) פאר וואש איך בין גיקומען צוריק אין שטאט „דאש לאנד לופט טוט אייך דאך זייער גוט“ האט זיא צוא מיר גיזאגט אונ ווארום זייט איר גיקומען צוריק אין דער דומפפע שטאט · „ווייל איך האב וואש וויכטיגעם צוא שפרעכין מיט אייך“ האב איך איר גיענטפערט · אונ האב מיר אזו מיט איר בעשפראכין איבער דיזען ענין זייער קלוג אונ זייער בעהיטזאם :

„איך האב דער בייא גאר ניט וואש איין צוא ווענדין“

האט

DECLARATION OF LOVE



האט זיא מיר געענטפערט האלב פאר שעמט · עס איז וואר · לויט רעכט דארף איך קיינע בעסערע פארטי פאר מיר אלס דיזען אדאם · דען איך דארף קיין בעסערין פאר אים · אונ וואלט עס פאר געווים לאנג געטאן ווען מיין הערץ וואלט שוין ניט געוועזן פארנומען מיט איינעם אנדערין · עס האט עס נאך קיינער פון מיר געהערט · אונ איר זייט דער ערסטער פאר וועמען איך זאג עס · אונ גלויבע דאש איר וועט זיין אויך דער לעצטער · אונ האפע דאש איר יעט עס אויך פאר קיינעם ניט זאגין · איך בין שוין פאר ליבט :

„אונ ווער איז עס דער גליקליכער„ ווען עס איז מיר ערלויבט צוא פרעגין אונ צוא וויסין · האב איך איר געפרעגט האלב וויא צוא מישט „דיזער גליקליכער„ האט זיא זיך אפ גירופין ווערענדיק רויט איבער דיא אויערין · דיזער גליקליכער איז מיר זייער נאהענט אונ זייער וויט · נאהענט איז ער מיר ווייל ער איז מיט מיר איצונד אונטער איינעם דאך · וויט איז ער פון מיר ווייל מיינע עלטערין וועלין עס פאר געווים ניט צו לאזין · „איך פארשטייא אייך ניט פריילין„ האב איך מיר אפ גירופין · איך בין דוכט מיר גאנץ קלאר אין איירע הויזלייט אונ דאך קען איך ניט קומען אויף דיא גליקליכע פערזאן · „א ווייהע איבער אייך שטודירענדע„ האט זיא זיך אפ גירופין · איר זייט ראבאנען שרייבער אונ פאר שטייט אייך אזו ווייניג אויף דיא ליבע דאש דיא דייטליכסטע ווינקע פון איינער פאר ליבטע דאמע בלייבט זייער אפט אום באמערקט פון אייך · איז דען נאך אייך ניט נעניגענד מיינע ביזהעריגע צערטליכקייט צוא אייך דאש איר ברויכט נאך איינעם דייטליכערין קאמענטאר (פירוש) דארויף · דארף עס נאך איינע שאמהאפטע (בושהדיקע) מיידכען מיט דעם מונד אויש שפרעכין · אזו גינוג מיט דער פארשטעלונג · איך פילע מענשליך איין נאט איז ציינע דאש איך ליבע אייך גאנץ אויף ריכטיג (באמת) · נון וויל איך הערין וואש זאגט איר

דארויף



דארויף · דען ליבע האט אויך איהרע לוינען (שגעונות) אקשה פיליכט געפעלע איך אייך ניט · אדער פיליכט מיינען זייא איין גייסטליכער (דוהאונער) צוא ווערין :

ניט בין איך אין שטאנד מיינע מייערע לעזער אונ לעזערינען צוא באשרייבין וואש עס איז דאן אין מיינעם אינדערען (פנימיות) פארט געגאנגען אלס מיינע אויערין האבין פאר נומען איהרע מוזיקאלישע אונ בעצויבערענדע ווערטער „איך ליבע אייך אויף ריכטיג„ עס האט זיך דאן אן גיהייבין צוא מישין אין מיינעם הערצין זומער אונ ווינטער · פריהלינג אונ הערבסט · דאש הייסט פריידין אונ שרעק · האפענונג אונ פאר צווייפלונג (יאוש) · איך האב מיר דאן בעטראכטעט אלס איין גרוישער דיזע וואש שטייט מיט דעם קאפ איין גישפארט אין הימיל אונ מיט דיא פערזען (פאדעסוועס) אין דער העלע (גיהנם) ווייל פון איינער זייטע האט מיר צוא געוואונקען איין גרויסעס גליק צוא האבין איינע געליבטע וואש גראפין אונ פירסטין ליגין צוא איהרע פים אונ ווערין ניט ערהערט פון איר · דער צוא איז זיא זייער רייך דיא איינציגע טאכטער פון איינעם גרוישין מאגנאטין · פון דער אנדערע זייטע האט מיר געדראהעט (גישטראסעט) איינע גרוישע געפאהר (סכנה) ערסטענס בין איך ניט זיכער מיט מיינעם לעבין אזו פון דעם אדאם וואש ווערבט ארום איר האנד (קאש הייסט וואש וויל זיא נעמען) אונ איז נאך דער צוא מיין בעסטער פריינד · אונ צווייטענס בין איך ניט זיכער פון איר פאטער וואש וועט זיך געפינען גאנץ בעליידיגט דורך דעם אונ וועט מיט רעכט דענקען דאש איך האב זיין טאכטער פאר פירט · מעהר פאר אלץ וואר מיר איינע הינדערניס (מניעה) אין דיזער אן געבאטענם ליבע דיא רעליגיאן · דען זיא איז דאך מיר פאר באטין אונ אזו אויך איך איר אויש דעם גרונד דאש איך בין איין יודע אונ זיא איז אקריסטין · אזעלכע גידאנקען אונ ווידער זעלכע האבין זיך דאן אויף גיזייגט אין מיינעם קאפ אין דיזער מינוט דאש

איך

איך בין ניבליבן שטיין וויא איין טרייםענדער · אונ האב איר איינע היפשע צייט גילאזט ווארטין אויף מיינער אנטוואורט · דען עס האט מיר דאן גיפעלט זינען אונ שפראכע · אונ אלס איך בין צוא זיך גיקומען · האב איך מיר זייער טיף פאר נייגט קעגין איר אונ האב צוא איר גיזאגט „פריילין„ · עס גרוימעט מיר דיא האר אויף מיין קאפ בייא דיזען קיהנען (שרעקליכע) אויס שפראך אייערין · ליינין זייא זיך רייפליך (רעכט) איבער צוא וואש עס קען אונז דיזער פלאן פירין · אונ ענדערין זייא אירע גידאנקען · דען דיזעס וועט פירין מיר אונ אייך צום גרעסטין אומגליק · איך גלויבע לויט איר שביעה וואש זייא האבין גישוואורין דאש גאט איז צייגע דאש איך ליבע זייא גאנץ אויף ריכטיג · דאש זייא מיינען דער בייא גאנץ ערענסט · דאך אבער איז עס ניר איינע איבער איילטע שבועה וואש איז אויש גישפראכין גיווארין נור דורך איינע ליידיגע ליידענשאפט (תאוה) · אזו פריילין פאלגין זייא מיר אונ ערשטיקען זייא איר אין איר ערסטין קיים (אויף שפראצונג) אונ דאן זיינען מיר ביידע גירעטעט :

„מיין ליבער יוזעף„ האט זיא זיך צוא מיר אפ גירופין · דאש זיינען קיינע ליידיגע ווערטער פון איינעם פאר שיכורתען גידאנקען · איך גייא שוין אום מיט דיזען פלאן מעהר אלס צווייא יאר · איך ווייס מעהר פאר אייך וואש פאר הינדערניסע (מניעות) עס שטייען אונז אין וועג · איך ווייס זייער גוט וואש איך האב צוא פארלירין דער בייא · דאך דיא אויף ריכטיגע ליבע שייעט ניט (פירכטעט ניט) קיין אפפער (שאדען) אונ שווערע אייך בייא דעם הייליגין וואש איך טראג אויף מיינעם הערצין דאש איך ליבע אייך גאנץ אויף ריכטיג טראץ (פראטיוו) אייערע ארמוט · אונ טראץ אייער קליינעם יחוס : אונ ווען זייא ליבין מיר וויא איך אייך · פליהען זייא מיט מיר אין איינער וויסטענייא · קיין טירקייא · אונ וועל מיר מיט אייך לעבין פיל גליקליכער אין איינער בויערהיטע (אין אפויערשע שטיבעלע) פיל מעהר אלס

מיט



מיט דעם אדאם אין איינעם פירסטליכען פאלאץ :

ווען זויא מיינע ליבע פריילין„ האב איך מיר אפ גירופין צוא איר „ראטען זייא מיר וואש זאל איך ענטפערין מיינעם פריינד אדאם וואש דיא ווארהייט גיזאגט האט ער מיר גישיקט צוא אייך„ „זאגט אים דאש איך בין גאר געוואזען (בדעה) איינע נאנע (מניסקע) צוא ווערין · אונ ער וועט עס גלויבין · דען ער ווייס דאש איך פיהרע איין פרומעם לעבין · טראג איבער איין הייליגעם בילד אויף מיין הערץ · אונ האב אימער געזעלשאפט מיט גייסטליכע לייטע · ער וועט אייך גלויבין · אונ אלס מיר וועלין שוין זיין איבער אלע בערגע · האט איר פאר אים שוין ניט וואש צוא פירכטין · דער ווייליע מוז עס גאנץ געהיים בלייבין · בעזוכין זייא מיר וויא ביז הער · אונ צייגען מיר דעם זעלבינין רעספעקט (דרך ארץ) וויא ביז דיזען טאג · אונ איך וועל שוין אויש מארקירין צייטין אין וועלכע מיר זאלין אונז קענען אינם געהיים בעשפרעכין · דען ווער נאך איז זויא קלוג וויא דיא ליבע זיא בויט זיך סאמעטאלנע (מנוטנע) בריקען איבער דיא שטראמיגסטע וואסערין אונ היטעט זיך איין פון ארגום אוינקס°) · יא מיר וועלין אונז שוין זיך אפטער זעהען אינם געהיים דען מיר האבין גינוג וואש צוא ריידין · אונ אין נויטפאל וועלין מיר אונז אויש העלפין דורך צעטעלאך · איך האב איינע געהיימע טרעגערין :

קורץ

°) אזו ווערט אן גירופין יעדער טרייער וועכטער אויף דעם נאמען פון איינעם געוויסין הירט. וואש ער האט גיהיט אונ גיוויידעט איינע געוויסע קוא וואש האט גיהייסין „יא״ נון ווערט דער ציילט פון אים אין דער פאבעל לעהרע · דאש הייסט אין דיא אלטע זאגען (שקאזקי) דאש ער האט גיהאט הונדערט אויגין · וואש דער גרעסטער טייל פון זייא וואורין וואך אין שלאף · אונ דאהער ווען איינער ווערט גיהיט זייער שטריינג זאגט מען מען קוקט אויף אים מיט ארגוס אויגין :

קירץ דער פון מיינע טייערע לעזערין · מיר האבין צוואר נור קנאפע צוויא שטונדען גישפראכין · עס וואר אבער אזו פיל גירעט · צוא גישוואריין · דיא הענט זיך גידריקט · אונ דיא אויגין זיך טיף איין גיקוקט דאש מעהר אלס זיבין טעג דארף גידויערין עס צוא באשרייבין · דען דיא ליבע שפריכט ניט נור מיט דער צונגע · זיא שפרעכט אויך מיט יעדער מינע · מיט יעדעם בליק · אונ וויא דיזע וואש בלייבין שטום באשפרעכין זיך שוין דיא הערצען מיט זייער גייסטער שפראכע :

איך בין אוועק פון איר זייער שפעט אונ בין גיקומען אין מיין קוואטיר זייער אומרוהיג · איך האב מיר אנידער גילייגט אויף מיין זאפקע אום זיך איבער צו דיינקען · אונ צו באדעכענען זיך אויף קלאר · צוא וואר עס אין דערווירקליכקייט · אדער נור אטרוים · אונ אלס איך האב מיר שוין איבער צייגט פון דעם רינג וואש זיא האט מיר גישיינקט אונ האט מיר עס אויף מיינעם פינגער אן גיטאן · דאש דיזע זאך איז ווירקליך גישעהען · בין איך ערסט גיווארין העכסט אומרוהיג · דען עס וואר מיר זייער לייד צוא קומען צוא מיינעם פריינד · צוא דעם קסאנדז אדאם מיט אשלעכטע תשובה אונ דער צוא נאך אפאלשע · אונ נאך מעהר דאש איך בין גיווארין גראדע זיין נעבענבוהלער (סופערניק) אדער גענגע אין זיינער ליבשאפט · אונ האב אזו דער ווילע גירעכינט דיזעם גליק פאר איין אומגליק :

איך האב מיר פארזאמט אין מיינעם קוואטיר קוים צווייא שטונדען אונ בין אוועק צוריק צוא דעם אדאם וואש ווארט אויף מיין צוריק קערין זיך מיט קלאפ נדע הערצין · איך בין צוא אים גיקומען מיט טאג גלייך · אונ האב אים דער וויסט אויף זיין גילעגער · דען ער האט אגאנצע נאכט ניט גישלאפין · ער איז מיר ניקומען אנטקעגין · אונ האט באלד פאר שטאנען פון מיין געזיכט דאש איך האב אים קיינע פריליכע צוא זאגין נוא בעסטער פריינד. האט ער זיך צוא מיר אפ גירופין : שפרעך





שוין אויש מיין דערקרעט · זאג שוין גאנץ אפין ארויש דאש איך האב ניט וואש צו האפין. "גיט דו אונ אזו אויך קיין שטערבליכער (דאש הייסט קיין מענטש °). האב איך אים גיענטפערט · דען זיא האט באשלאסין צוא נעמען דעם שלייער אונ צוא ווערין נאטעם ברויט (דאש הייסט אמיניסקע) · איך האב איר זייער שטארק אפ גירעט דער פון עס האט אבער ניט גיהאלפין · זיא האט איינען שווערין נדר גיטאן · האט זיא מיר גיזאגט אונ איז דער ביי גיבליבין · אזו מיין בעסטער פריינד זעהע דיר אום איינע קליגערע צוא גיפינען · דיא וועלט איז גרויש : אונ דיין פאטער לאנד האט גינוג שיינע טעכטער אום אזו איונגין מאן וויא דוא צוא באגליקין :

"ווען אזו" האט ער זיך אפ גירופין · האסט דוא מיר האלב בערוהיגט · איך העטע מיר דאש לעבין גינומען ווען זיא וואלט איינעם אנדערין געהייראטהעט · גאט זייא דאנק דאש מיינע ליבע האט זיך נאך אזו גיענדעט · אונ איך וועל שוין זוכין צוא פארגעסין זיך אן איר אין קריגעסדינסט (וואיענע סלוזבע) ביז זיא וועט זיך מיט דער צייט בעסער בעזינען · דען ניט זיא איז די ערסטע וואש איז אנטלאפין גיווארין פון קלויסטער זיא איז צוואר פרום · זיא איז אבער גאנץ ראמאנטעם (גענייגט צוא ליבין) :

דיזער גישפרעך האט גידויערט ביי אונז ביז איבער פריסטיק · אונ מיר זייגען אונז פון אייגאנדער גיגאנגען זייער רוהיג · אונ איך האב גאט גידאנקט דאש איך בין דיזע דאגה זייער לייכט איבער גיקומען · אדער בעסער צוא זאגין דיזע



°) אזו ווערט אן גירופין אין דער מייצעשע שפראכע יעדער מענטש ווייל זיין סוף איז צוא שטארבין אונ אין לשון קודש ווערט אן גירופין "בני חלוף" אדער "בני תמותה" דאש הייסט שטערבליך איין היפך פון גאט וואש איז חי וקים :

גיפערליכע ראפא (איינע גרוישע סקאלע וואש ליגט אונטער דעם וואשער וואש איז זייער מסוכן פאר די שיפין) וואש איך האב גימיינט דאש איך וועל אן איר שטראנדען אונ אונטער גיין · אין אטאג צעהען ארום זיינען מיר אריין צוריק אין שטאט · אונ פלעג שוין צוא מאכן אפטערע באזוכע מיינער געליבטע · אמאל גאנץ אפין · אונ אמאל סאקרעטנע · אונ פרעג ווערין געשטיצט פון איר מיט געלט · מיט פראטעקציע · דען אגראף איינער האט מיר דורך איר פארוועדונגען זיך פאר מיר איבער גיגעבין אגרוישין פראצעם זיינעם וואש איך האב אים זייער גליקליך אויש גיפירט אונ האב מיר גימאכט דורך דעם אגרוישין נאמען · אונ ביא אלם דעם האב איך ניט גילאזט אפ קילין די פריינדשאפט פון דעם קסאנדז אדאם צוא מיר · איך פלעג אים טעגליך באזוכין אונ אזו ער מיר · אונ האב אזו אויף זיך גישלעפט די ביידע שווערע לאסטען וואש דאש איז די געהיימע ליבע צוא איר אונ די פאלשע פריינדשאפט צוא אים גאנצע אנדערהאלבין יאר ביז צום ערמידען · אונ דאן נאך דעם פארלויף פון דיזעם משך · האט גינומען מיט מיר איינע שרעקליכע אונ פלעצליכע ענדערונג · וויא איך וועל דא אין דעם ווייטערדיקען קאפיטעל אלץ גיהעריג באשרייבין :

## 6.

## איך בין נור איין יודע.

אין אנדערהאלבין יאר ארום נאך עמינגארדעם ליבעם ענדעקונגען צוא מיר · אין איינעם ווינטער אבענד האב איך באקומען פון איר אצעטעלע דאש איך זאל צוא איר וואש צום גיכסטין קומען דען זיא האט וואש וויכטיגעס מיט מיר צו ריידין · דיזער צעטעלע האט מיר איין עטוואס ערשיטערט · דען ער וואר צוא מיר דער ערסטער פון איר גישריבין אין דיזעם ארט · אויך וואר מיר זייער לייכט צוא דער קענען פון איר האנדשריפט

וואש



וואש וואר איצונד גאנץ פערוירט (צוא קרוצעט) דאש זיא איז עפעס איצונד אין איינער פארלעגענהייט (זאמישאשעלסטווא) · אונ בין אוועק צוא איר גאנץ בעזארגט · איך האב איר דער וויסט אין אירערן צימער גאנץ אליין · די אויגין רויט גיוויינט · אונ גאנץ גיקריינקט · דאש געזיכט בלייך אונ דער קאפ וואר גישטיצט אויף איר רעכטע האנט וואש וואר גילעהענט אויף איר לעזע טישיל · אונ האט אויש גיזעהען בכלל וויא איינע נאך אשווערע אפאראציאן :

אונ וואש זייט איר מיר היינט עפעס אזו פאר אומערט אונ פאר קימערט, האב איך איר גיפרעגט · ווייל איך האב היינט איינען זייער שלעכטין טאג גיהאט פון מיינע עלטערין" האט זיא מיר גיענטפערט · דען מיין פאטער האט זיך היינט אן גיטראפין מיט דעם אדאם · אונ אלם ער האט אים אויש גירעט פאר וואש ער האט אויף גיהערט צוא בעזוכין אים · האט ער אים גיענטפערט דאש אזו אלעבעמאן (אלעבעדיגע שטיקיל סחורה) וויא ער אי גיפינט זיך זייער לאנג ווייליג (שקוצנע) אין די צעלע פון איינער נאנע (מניסקע) · אונ אלם מיין פאטער האט אים גיבעטין דאש ער זאל אים דיזע ווערטער בעסער ערקלערין · דאש הייסט ער זאל אים זאגין וואש ער מיינט דער מיט · האט ער אים שוין דער ציילט וואש ער האט פון דיר גיהערט · נון איז דיר שוין לייכט צוא פארשטיין וויא מיין פאטער וואר אויף גיציטערט פון דיזע רייד · ער איז גיקומען אהיים אצוקאכטער · האט עם דער ציילט די מוטער · אונ ביידע זיינען אריין צוא מיר · אונ האבין מיר אויש גיגעסין אשטיק הארץ דער פאר · זייא האבין מיר פאר גישטעלט דאש טרויעריגע לעבין פון איינער נאנע · אונ ווידער וויא אומגליקליך איך וועל זייא דער מיט מאכין · דען איך בין ביא זייא נור איינע · אונ אלם איך האב פאר זייא גישווארין דאש דיזעם איז איין ליגין · אונ דאש איך האב עם קיינמאל גידיינקט · האבין זייא אן גיהייבין אין מיר צוא דרינגען

דאש

דאש איך זאל געבין מיין האנט דעם אדאם (ווערין זיין כלה) ווייל זייא זעהען קיינע בעסערע פארטי איין פאר מיר אלס אים · אונ האבין מיר גיבעטין דאש פון היינט אן זאל איך אים שוין פריינדליכער אויף נעמען · אונ זאל מיר פאר בריישין צוא דער פערלאבונג (תנאים) דען זיין ליבע צוא מיר איז ניט אפ גיקילט · אונ איך האב מיר אויש גיבעטין ביי זייא נור צעהען טעג דיינקציית דאריבער :

אזו מיין ליבער יוזעף זיינען מיר מיט אונזער ליבע אין גרויש געפאהר · אונ דאהער מוזין מיר אונז באצייטין פליכטען (אנטלייפין) פון דאנען · איך האב מיר שוין מכין גיוועזן צוא דיזעם שריט (טריט) פון איניגע מאנאטען · איך האב אין באר מעהר אלס צווייא טויזענד דוקאטען · גינוג קליינאדען · אויך האב איך איינען פאס אויף איינעם פרעמדין נאמען · עס איז פאר אלעם שוין גיזארגט · אזו מיין ליבער מאכע דיר אויך פארטיג · אונ זארגע דער פאר דאש מיר זאלין אין איניגע טאגען שוין זיין איבער דעם גרענעץ · אין וועלכע לאנד עס איז · ביי מיר איז אלץ אגאל · צוא קיין רוסלאנד · צוא קיין טירקייא · נור אין מייך לאנד ניט · דען דארט וועט מען אונז באלד אויף שפירין · אונ דאן זיינען מיר ביידע דיא אום גליקליכסטע אויף גאטעס וועלט · נוא וואש ביזט דוא אזו צוא טראגין · איין פארליבטער דארף אלץ וואגין :

„מיר שוידערט מיינע ליבע ביי דיזען גידאנקען“ האב איך איר גיענטפערט · דוא אונ דיינע עלטערין זיינען מיר צוא טייער אום אייך מיט דיזער ענטפירונג אומגליקליך צוא מאכין · אונ ווער ווייס צוא וועסטו נאכהער זעלבסט בערייען (חרטה ניט האבין) דארויף · דען דער שפריכווארט זאגט „דער וואחן (דער טעות) איז קורץ · אונ דיא רייע (חרטה) איז זייער לאנג · אונ וואש נאך קען אזו פאר בלענדין דיא אויגין פון דעם פארשטאנד וויא דיא ליבע : אונ דאהער וואר געמאלט ביי דיא אלטע

גריכען



גריכען אבאר וואש וואר ביי זייא דער פון ליבע מיט פאר בונדענע אויגין :

„א ניין מיין ליבער יוזעף“ האט זיא מיר גיענטפערט · דוא אירעסט דיך · איך ליבע דיך נור ווייל דוא ביסט ווערט צוא ליבען · אונ איך שווערע דיר ווידער ביי דעם הייליגען בילד וואש איך טראג אויף מיינער ברוסט · דאש מיינע ליבע צוא דיר איז איינע אויף ריכטיגע ליבע דאש דיא צייט מיט אלע איהרע פאר ענדערליכקייטען וועט זיא ניט אויש לעשין · איך בין דיינע אונ דוא ביזט מיינער · אונ מאך אזו קיינע איינווענדונג דער ביי · דען זאנסט מאכסט דוא מיר פאר דיא אום גליקליכסטע אויף גאטעס וועלט · אזו גייא אונ באסטעלע פאר אונז איינע גוטע פור אונ ניט אנדערס „אונ ביי אלעם דעם“ האב איך גיענטפערט „וויל איך נאך דיינע ליבע אויף דער פראבע שטעלין“ „דוא בעליידיגסט מיר יוזעף“ האט זיא מיר גיענטפערט זייער פארדריסלאך · איך בין קיין לאזעס (צו לאזענע) מיידכען · מיינע ליבע איז מיר הייליג וויא מיין רעליגיאן · איך לעבע אונ שטארבע זייער גערין פאר זייא ביידין · הערסט דוא יוזעף „אונ דאש זעלבע בין איך אויך“ האב איך איר גיענטפערט · אונ דאהער ווייהע דער ליבע וויא אונזערע איז וואש האט זיך פאר קראכין צווישין צווייא פערזוינען פון צווייא פיינדליכע רעליגיאנען וואש זיינען דער צוא העכסט רעליגיא (פרום) וויא איך אונ דוא :

„אזו וואש הערע איך“ האט זיא זיך אפ גירופין מיט שרעק „דוא ביזט ניט קאטוילישׂ“ „ניין“ האב איך איר גיענטפערט „אזו לוטהעראניש“ האט זיא מיר ווייטער גיפרעגט „דאש אויך ניט“ האב איך איר גיענטפערט · „אזו מאהומעדעס“ האט זיא מיר ווייטער גיפרעגט מיט איינעם פעראכטעטין בליק שוין „ניין עסינגארדע“ האב איך איר גיענטפערט „איך בין נור איין יודע אונ וועל עס בלייבין :

שטודענט גימל קים

קוים איז דער נאמען «יודע» ארויש פון מיינעם מונד ·
האט זיא זיך מיט האסט אויף גיהאפט פון איר שטול · האט פאר מאכט מיט איהרע ביידע הענט איהרע אויגין · האט זיך אום גיווענדעט צום וואנט מיט דעם רוקין צוא מיר אונ האט אויש גישריען «א מיין ערלייזער · אזו וויט האב איך מיר פאראיט · פערצייהע מיר גוטער וועזן (בורא) דאש איך האב איינען יודען געליבט · אונ פלוך איבער זיינעם הויפט דאש ער מיר בעטראגין האט · אונ גילויבט איז דיין נאמען דאש דוא האסט מיר צו רעכטער צייט ענטדעקט פון דיזען שמאך אונ פון דיזער אום פערצייהליכע זינדע · פורט פון מיינעם הויזע · דוא ביסט איין יודע אונ וויילעסט (פארזאמסט) דיר נאך אין דיזען הייליגטוהם (מקום קדוש) אין דיזעם צימער וואו איך בעשפרעכע מיר מיט מיינעם ערלייזער · פורט זאנסט וועל איך דיר מיט הונדע ארונטער העצען :

דיזע ווערטער ווארין מיר וויא איין אויף גוס פון קאכענדע שוועביל אונ פעך · איך האב קוים דיא מיר גיטראפין אונ האב מיר אראפ גיהאפט פון דיא טרעפ אזו שנעל וויא צעהען סאק רוחות וואלטין מיר טראגין · אונ בין גיקומען אהיים באדעקט מיט פלוך אונ מיט שאנדע וויא אמאל המן נאך זיינעם ארום פירין מרדכי דורך אלע גאסין פון שושן הבירה · האב מיר אנידער גיווארפין אויף מיין בעטיל · פון וועלכע איך בין ניט אויף גישטאנען גאנצע דרייא וואכין אזו וויט האט מיר צוא בראכין דיזע אום גערעכטע שצענע · אונ דער צוא נאך דיא זארגין וועגין מיינעם גאנצין עקסעסטענץ (מיין זיין אונ לעבין) דען איך האב שוין גוט פארשטאנען דאש עס איז שוין אויש מיט אלע מיינע גאלדענע האפענונגען · אונ ווער רעט שוין פון דער ליבע מיינע צוא דיזער עמינגארדע וואש איר צארין געגין מיר אונ איר דאנער שטימע ווארין ניט אין שטאנד אפ צוא קילין איר גלוס אין מיינעם הערצין · דען דיא ליבע איז איין

געטליבער



געטליבער פונק · עס צעהרט דיא שטארקסטע זיילע · אויך וואר איך זייער בעזארגט וועגין מיינעם גוטין פריינד אדאם · בעהיצע גאט אויב ער העט זיך דער וויסין פון דעם גאנצין גאנג פון דער זאכע · בין איך גיוויס פארלארין · ער וועט מיר פערזאכטען · פאר פאלגען (רודף זיין) אונ מיט רעכט · דען איך וואר זיין נעבענבוהלער (סופערניק) · אזו מיינע טייערע לעזערין גינגע אורזאכע פאר איינען יונגין מענטשין אום אפ צוא קריינקען דורך דעם עטליכע וואכין זייער שטארק :

דער אלטער שפריכווארט זאגט «נימאלס גייט איין אומגליק אליין» דאש הייסט עס צעפעט זיך צוא אים באלד איין צווייטער · אונ דיזער פאל וואר ביי מיר אויך · דען אויף מארגין ליגענדיק אין אשטארקין פיבער האב איך באקומען איינע איינלאדונג פון איינעם אוזארסקען גרעפעשין אפיצירל וואש איך האב גיהאט דאש אומגליק ניט אטאג פריער פאר דיזע שרעקליכע שצענע וואש איך האב גיהאט ביי דער עמינגארדע איין עמוואס אן צוא קומען אים גראב · איינע איין לאדונג אויף איין דועל (פאעדינג) · מיין אנטוואורט וואר קורץ אונ בינדיג . איך נעם עס אן · נור יעצט בין איך ניט גיזונט · אונ וויא איך וועל נור דיא בעט פאר לאזין שלאג איך מיר מיט דיר :

אונ האב מיר אזו זייער שטארק גישראקין גיזונט צוא ווערין דען איך בין קיין גרוישער פערכטער אום זיך צוא שלאגין מיט איינעם אוזארסקען אפיציר · אין אפאר טעג ארום איז מיר גיקומען בעזוכין דער קאנדז אדאם · ער האט מיר גיפרעגט איבער דיא אורזאכע פון מיינער קראנקהייט · אונ איך האב אים גיענטפערט «איינע פאר קיהלונג» אונ דאן האט ער מיר דער ציילט דאש עמינגארדעס פאטער האט אים פאר גיהאלטין פאר וואש ער האט אויף גיהערט צוא באזוכין זייא · אונ וואש ער האט אים גיענטפערט · אונ דאש ער וואר געסטערין ביי זייא אונ האט שוין גיהאט איינע ווארעמערע אויף נאהמע פון

עמינגארדע

עמינגארדען אלם ביז הער · אונ האט שוין אזו בעסערע האפענונג
אין זיינע ליבע צוא איר · אויך האט ער זיך מיט מיר באשפראכין
איבער דעם דועל ; אונ וואר אויך זייער שטארק באזארגט
וועגין מיר · אונ פאר זיין אוועק גיין פון מיר האט ער מיר
גילאזין צוואנציג דוקאטין · האט מיר גיוואונצין איינע גוטע
בעסערונג אונ איז אוועק פון מיר זייער פריינדליך אונ מיט
איינער גרויסין בעדויערונג :

אין אכטאג ארום נאך זיין באזוכין מיר וואר אגרוישער
באל ביי דער עמינגארדעס פאטער : באלד נאך דעם אין
איין אכטאג ארום האב איך דער הערט דאש עס וואר איינע
פארלאבונג (תנאים) ביי דער עמינגארדע מיט דעם אדאם אונ
וויל דער אדאם איז ניט גיקומען אן זאגין עס מיר האב איך
שוין אן גיהייבין צוא שליסין דאש זיא האט אים פאר גיוויס
דער ציילט פון אונזער געהיימען ראמאן · דאך אזו דום וואר
זיא ניט · זיא האט אים מער גיט גיבעטין (וויא איך בין עס
דער נאך פון זיינעם שרייבין צוא מיר געוואר גיווארין) דאש ער
זאל זיך פון מיר מרחיק זיין וויל ווי זיא ווייס בין איך קיין קאטוליק
נור איין יודע · אונ אין דיזעם פונקט (דאש הייסט צו פעראכטען
איינען יודע) וואר ער ניט ווייניגער געזאנען אלם זיא אונ האט
זיך דאהער פון יענער צייט אן שוין ניט גיזעהען מיט מיר ·
אונ וויא דער שפריכווארט זאגט „אסוד וואש צווייא ווייסין
איז שוין מעהר קיין סוד. וואר דא אויך אזו דער פאל · דען ביז
איך בין גיזונט גיווארין האבין שוין דער פון גיוואוסט אלע
מיינע פארינע גוטע פריינד אונ באקאנטע · דאש דער אפיציר
האט גישיקט אפ נעמען זיינע איין לאדונגס קארטע וואש ער
האט מיר אריין געשיקט דאש איך זאל מיר מיט אים דועלירען
(אויף דעם פאיעדינעק גיין) דען עס איז אים שוין ניט אן
גישטאנען צוא דועלירען זיך מיט איינעם יודען · אונ דער נאך
אלם איך בין גיווארין גיזונט אונ בין אריין אין בילארד צוא
שפילין



שפילין איינע פארטיע מיט מיינע פארינע שפילער · האבין זייא
שוין אויך ניט גיוואלט וויל איך בין איין יודע · אונ אלם איך
פלעג אריין צוא גיין אין איינער בירהאלע צוא טרינקען אקופיל
ביר האבין זייא ניט גיוואלט אן שלאגין אן מיינער גלאז וויל
איך בין איין יודע · אונ אלם איך בין אריין אין קלוב וואש
עס פלעגין זיך אימער ארום מיר דארט הונדערטע באקאנטע
ארום דריינגען · האט מען מיר שוין אויש געמידין אונ איין
גערוימט זיך איינער דעם אנדערין אין דיא אויערין „ווייסט
דוא דאש ער איז יודע“ אונ מען האט מיר אויש גיווייכט וויא
דיא פעסט · אויך האט מען מיר באלד פאר באטין פון דער
רעגירונג דאש איך טאר ניט אויף טרעטין אין קיין געריכטס
הויז אלם אדוואקאט וויל איך בין איין יודע · אונ בין אזו אין
אקורצע צייט אויש געוויזין גיווארין (פאר יאגט) פון אלע מיינע
באקאנטע הייזער · אונ האב אזו אויף איין מאל דורך דעם
נאמען יודע פארלארין ברויט אונ עהרע · דאש עס איז מיר
גיבליבין נור צוא שפרינגען פון בריק אין וואסער · דען עס
וואר מיר שוין. אונמעגליך דארט צוא בלייבין אונ אויך אונמעגליך
אנדערם וואו צוא פאר רייזין וויל עס האט מיר גיפעלט אויף
הוצאות · אונ עס איז גיבליבין ביי מיר דאש איך זאל שרייבין
איין גיבעט בריף צוא דעם קסאנדז אדאם · אין וועלכין איך
זאל אים דער ציילין מיינע קריטישע לאגע · אונ בעט אים
אום זיינע לעצטע הילפע · איך האב עס גיטאן · אונ עס האט
גיווירקט · ער האט מיר אריין גישיקט צווייא הונדערט דוקאטין
מיט אקליין צעטעלע : אין וועלכין ער האט מיר דער קלערט
דיא אורזאכע פון זיינעם אויף הערין זיך מיט מיר צוא זעהען ·
דאש הייסט זיינע ברויט (כלה) האט אים אויש גיזאגט דאש
איך בין איין יודע · אונ האט מיר אויך גיראטהען אין אים ·
דאש איך זאל וואש צום גיכסטין אוועק פון דאנען · דען זאנסט
וועט מען נאך אפ נעמען פון מיר מיין אטאסטאט · אונ מען
וועט

THIS GUY HAS NO PRIDE!

ווען מיר נאך מאכין אפראצעס (אדיעלע) פאר וואש איך האב מיר אן גינעבין פאר איין אדעל (שלאכצעס) אונ קען אזו געסודעט ווערין אלס איין סאמעזוואניץ · אונ איך האב אים גילאזט דאנקען פאר דיאביידע זאכין · פאר זיין געלט · אונ פאר זיין ראט · אונ האב מיר אזו פאר פארטיגט אפ צוא רייזין פון דארט · וואו הין האב איך נאך אליין ניט גיוואוסט · קוים האב איך מיר אן גיהייבין צוא פאקין · עס וואר שוין ארום עלף דעם זייגער ביים נאכט · הערע איך וויא מען קלאפט אן ביים מיר אין טיר · איך האב כיר שוין דער שראקין · דען איך האב גימיינט פיליכט קלאפט עס איין קאמיסאר (קווארטאילנע) פון דער פאליציא · אונ האב גיפרעגט מיט איינע ציטערענדע שטימע ווער איז עס · איך וואר אבער באלד בערוהיגט אלס איך האב באקומען איינע זאנפטע אנטווארט פון איינער מיידכען קעהלע „זיינען זייא גוט אונ עפענען זייא מיר" דער צוא נאך וואר זיא מיר איינע באקאנטע שטימע · איך האב אבער ניט גיקענט קומען אויף דיא ריידענדע פערסאן ביז איך האב דיא טיר גיעפינט · זיא וואר נור דיא קאמער מיידכען פון דער עמיגנארדע · דיא צעמיל מרעגערין צווישין אונז ביידין · „דיא פריילין האט אייך גישיקט הונדערט דוקאטען" האט זיא זיך אפ גירופין מיט איינעם ווייכען אונ שמעלצענדען טאן · אונ האט אייך צוא גלייך גיבעטין דאש איר זאלט איר אפ געבין איר רינג וואש זיא האט אייך גינעבין אלס צייכין איר ליבע :

א. איך העטע עס אן הונדערט דוקאטין אויך גיטאן · האב איך איר גיענטפערט · אונ וואלט דאש געלט ניט גינומען ווען איך וואלט עס ניט ברויכין אויף רייזע קאסטין · אזו האבין זייא דעם רינג צוריק · אונ נעריסען זיא איר אין מיינעם נאמען · אונ זאגין זייא איר דאש איך בלייב איר גוט אויף אימער אונ אייביג · אונ בין פארטיג איר צו דינען ביא יעדער גילעגענהייט · דען נאך בין איך ניט גישטארבין · אונ נאך איז איידע ניט





אזו אום ווירקטיג אונ פערראכטעט וויא זיא מיינט · יודען האט איז נור איין וואהן (אדמיון) וואש פארלירט זיך שוין פון טאג צוא טאג · אונ גאט זיין דאנק דאש עס זיינען שוין דא לענדער וואש ווייסין צוא שעצין טאלענטע זעלבסט אין איינעם יודין · אונ לעבט וואול · דאש מיידכען איז אוועק · אונ מיינע אויגין האבין זיך אן גיפילט מיט טרערין · דען עס וואר מיר מיין הערץ אויש גיריסין אויך ביא דיזער לעצטין שצענע · אונ האב אזו מיינע ארבייט פארט גיזעצט דאש הייסט ווייטער גיפאקט מיינע זאכין מיט איינעם צערימעטען (צו רודערטין) געמיטה · דען איך האב נאך דער ווייליע ניט גיוואוסט וואו זיך צוא קערין אונ צוא ווענדין · דיא וועלט איז צוואר גרויש אונ דאך גינוג איינג פאר איינעם יודין :

7.

„דיא פלוכט אדער דיא אנטלייפונג"

איך האב דיא גאנצע נאכט ניט גישלאפין אונ האב אלץ נאך גידיינקט וואו הין איך זאל מיר ווענדין · אונ בין אזו ערסט צוא באגינען פארטיג גיווארין מיט מיין ישוב הדעת · דען עס איז ביא מיר גיבליבין דאש איך זאל אוועק קיין בעלגראד איינע גרווישע טירקעשע גרענעץ שטאט וואש ליגט הארט לעבין דיא אונגארישע גרענעץ ביא דער דאנוי · דען דארט איז דער דורך גאנגס האנדעל פון גאנץ טייצלאנד אונ טירקייא · עס זיינען דארט גרווישע גישעפטין · אונ גרווישע קאנטאריסטען וואש ברויכין אין זייערע עסקים מענטשין מיט שפראך קענטניסע · אונ גוטע רעכען מייסטער · נון פאר גיווים וועל איך באקומען דארט אשטעלע · אונ אזו וויא ארום צוועלפין בין איך מיט פאצט אפ גיפארין פון פעסט · ניט נעמענדיק אפשייד פון מיינע הונדערטע באקאנטע אונ גוטע פריינד : ווייל זינט זייא זיינען גיווואר גיווארין דאש איך בין איידע האבין זייא שוין אויף

גיהערט עם מיר צוא זיין · איך בין אזעק גיפארין פון דארט מיט איינעם פאר קלעמטין הערצין · דאך אבער מיט איינעם רוהיגן געוויסן· דען איך בין ארויש פון פעסט גאנץ אום באפלעקט · דאש הייסט איך האב ניט פאר בראכין אין איר ניט אנטקעגין גאט אונ ניט אנטקעגין לייטין · אונ האב אזו אויש גיהאלטין איינעם גרעסערין נסיון אלם יוסף אין עגיפטען · דען ביי אים וואר איין אשת איש אונ ביי מיר וואר איינע פנויה · אונ האב מיר אויך דיא גאנצע צייט אפ גיהאלטין פון טרפות · האב אפ גיהיט מיין דאוונען אונ נאך אנדערע אידעשע זאכין וויא ווייט מעגליך איז · עם האט מיר נור גיקריינקט צוא זעהען וויא ווייט דער נאמען יודע איז נאך פעראכטעט זעלבסט אין דעם ניינצעהנטען יאר הונדערט · אונ׳ זעלבסט דיא גרעסטע בילדונג איז ניט אין שטאנדע צוא פאר בעסערין זיינע לאגע :

מיינע רייזע האט גידויערט מעהר אלם צוויא וואכין וויל דיא זידליכע (דרוטדיקע) געגענדין פון אונגארען זיינען נאך ווילד אונ רויא (רזיק) דיא שטראזען גייען דורך גרוישע שטעפין · דורך זומפען · דורך גרוישע וועלדער · אונ מען איז דארט אין געפאהר אלע ווילע אויש גירויבט צוא ווערין פון ציגיינער וואש זיינען דארט פול וויא זאמד אונ ערד · אויף דיזער געפערליכע רייזע האב איך אויף זיך גינומען ווען גאט וועט מיר בריינגען לשלום קיין בעלגראד וועל איך מיר שוין אויש זוכין איין אונטערקאמען (אשטעלע) נור ביי איינעם יודין · אונ וועל מיר שוין מרחיק זיין פון אלע אנדערע נאציאנען וואש זיינען דארט וויא איך האב מיר פריער מרחיק גיוועז פון מיינער נאציאן · אונ גאט האט מיר גיהאלפין איך בין זייער לייכט אריבער דעם גרענעץ אונ בין גיקומען קיין בעלגראד · איך האב דארט איין גיקערט אין איינער אידעשע אכסניא וואש עם זיינען אין איר איין גישטאנען גרוישע קיפלייטע אידעשע · געבילדעטע אונ גרוישע לומדים ; אונ האב אזו ניט אויסין גילאזין קיינע גילעגנהייט,



גילעגנהייט אום זיך אונטער צוא האלטין מיט זייא · איך האב ביי זייא זייער שטארק אויש גינומען דאש זייא האבין מיר ליב גיוואונען · אונ האבין מיר באלד רעקאמאנדירט צוא איינעם אידעשין קאנטאריסט אפריינק ר׳ מרדכי שושן אדער ששון · וואש ער האט גיהאלטין דארט אין פאחט (ארענדע) דיא דארטיגע טאמאזנע :

ער וואר אגרוישער מופלג אונ אגרוישער שפראך קענער · אראביש · טירקיש · איטאליענעם ; פראנצויזים : איך בין גיווארין איין קראספענדעט ביי אים אין דער טייצעשע שפראכע· אין אונגארשע · אין דער פראנצויזישע אונ אויך אין דער העברייעשע אונ דער נאך אלם איך האב מיר דער לערינט דיא טירקישע שפראכע · אונ ער האט מיר דער קאנט פאר איינעם ערליכין מאן בין איך גיווארין ביי אים פאמאצניק בוכהאלטער · אונ האב באקומען גיהאלט חוץ טיש אונ קוואטיר טויזענד טאלער איאר · אונ האב אזו ביי אים גישטיגען פון יאר צוא יאר אין אנזעהען (זנאצנאסט) · דאש ער פלעגט מיר איבער צוא געבין זייער אפט זייער וויכטיגע אויף טרעגע (פארוצענעם) אין זיינע קאמערציסקע אינטערסין · אונ אזו אויך אין זיינע פראצעסין וואש ער האט גיהאט מיט דער רעגירונג · איך פלעג עם אים אויש פירין נאך בעסער אלם ער האט גיוואונצין · אונ בין אזו גיווארין ביי אים מיט דער צייט זיין גאנצער פערוואלטער (פראוויטעל) פון אלע זיינע גישעפטין · אונ בין גיווארין אזו איין רייכער מאן אלין אויף דעם ערליכסטען אופן · אונ האב מיר דער צוא אויך גילעבט זייער פרום · אונ פון זיך זייער צוא פרידין · אונ פלעג מיר מיט שאנדע אונ מיט שוידערין דער מאנען אן דיא יארין וועלכע איך האב פאר לעבט דארט אין פעסט אלם געהייסער יודע וואש איך וואר דאן אונאייניג מיט זיך מיט מיינעם גיוויסין אונאייניג מיט מיינעם גאט ; זעלבסט מיינע ליבע צוא דער עמינגארדע וואר אויך שוין גאנץ אויש גילאשען אין מיינם הערצין ·

וואש צוא אונגערן פאר שטעקט אין אחוטער (דארף) אין אבויערשע חאטע · וייל זייא האבין ניט געקענט אריבער חאפן זיך דעם גרענעץ וואש וואר דאן זייער שטרייג בעוואכט פון אסטרייכעשע האנוועדען (רייטער) · ער איז גילעגן אין אבעטיל אויף שטרויא זייער פר וואונדט אין גרוישע שמערצן : אונ זיינע פרויא איז גיזעסן לעבין אים פר קליידעט וויא איינע בויערין · בלייך אונ אפ גיצערט · אונ האט געוויסט איהרע אויגן · איך האב זייא באלד דער קענט · זייא אבער האבין מיר ניט דער קענט וייל איך וואר שוין דאן פאר לאזין מיט אבארד אונ בין גיגאנגען גיקליידעט פא טורעצקע וייל דיזע קליידונג האט מיר פיל שענער גיקליידעט אלם דיא אראפייעשע קליידונג :

איך האב זייא גענריכט זייער פריינדליך אין דער פוילעשע שפראכע · אונ האב נאך גיפרעגט ביי זייא אויף וואש ער איז ניט גיזונט · נון פאר שטייט זיך דאש אין אנפאנג האבין זייא די וואהרע קראנקהייט פאר לייקענט פאר מיר · דען זיי האבין געפירכטעט · דער נאך אבער אלם איך האב מיר פאר גישטעלט פאר זייא אלם ארצט (דאקטאר) אונ דאש איך בין איין פוילישער רענעגאט (דאש איז אזו איינער · אקריסט אדער איודע וואש נעמט אן דעם טירקישען גלויבין) האבין זייא זיך ענטדעקט פאר מיר אין גאנצין · ווער זייא זיינען · אונ וואש דיא קראנקייט איז "מיר זיינען" האבין זייא מיר גיזאגט · נור אונגארעשע פליכטלינגע (אנטלאפענע) , מיר באהאלטין אונז דא וייל עם איז אונז שווער דיא גרענצע צוא פאסירען וייל זיא איז שטרייג בעוואכט · אונ די קראנקייט איז נור איינע שווערע פארוואונדונג פון שלאכט · אזו ווען זייא נאך איינע קריסטליכעם הערץ האבין באזעהען זייא דיא וואונדין · מיר זיינען צוואר ארעם מיר האבין אייך ניט מיט וואש צוא לוינען · קורירען זייא עם אבר אויף גאטס רעכענונג · דען ער וועט אייך פאר געווים לוינען צעהען פאך דער פייא :





איר בילד וואר שוין גאנץ אונ גאר אפ גימעקט פון מיינעם גידעכטנים (זכרון) · אונ האב מיר דאן איבער צייגט (זייער גוט פארשטאנען) דיא ווארהייט פון דעם מאמר חז"ל (אין אדם חוטא אלא במה שעיניו רואות) דאש הייסט איין מענטש פאר זינדיגט זיך נור אן אזו איין איסור וואש נור זיינע אויגין זעהען · אונ דאך האב איך ניט גיוואלט זיך פאר הייראטהען דארט · וייל זייערע מיידכען זיינען דארט העכסט אום וויסענד · ווילד · אונ ערצויגין וויא איין שטיק פיה · אונ האב שוין גימיינט דאש מיין הערץ וועט שוין בלייבין רוהיג · דאך אבער מיין שיקזאל (שלימזל) וואר נאך ניט מידע אום מיר ווייטער צו בעאונרוהיגען · מיט דער פאריגע ליבע וויא איך וועל דא דער ציילין אין דעם לעצטין קאפיטעל :

## 8.

1848

## "דיא לעצטע פראבע"

דער ווילע איז זיך איבער גילאפין איין יאר נאך דעם אנדערין יאר ביז דעם אכט אונ פערציגסטען יאר · וואש דיא אונגארען האבין זיך אין אים עמפפערט (מורד גיוועזן) נעגען זייער קייסער · אונ עם וואר דארט גרויסע בלוט פארגיסונגען · ביז דער פראנץ יוזעף דער אסטרייכער קייזער האט זייא מיט רוסישע הילף מנצח גיוועזן וויא דיא זאכע איז אין דער גאנצער וועלט באקאנט · אונ פילע פון דיא אונגארשע מאנגאמין זיינען פון אים געריכטעט גיווארין מיט פולווער אונ בלייא (דער שאסין גיווארין) אדער מיט דעם שטראנג (שטריק) אונ אגרוישער טייל פון זייא זיינען צוא לאפין קיין טירקייא · ארעם · נאקעט · אונ מאנכע אויך פאר וואונדעט · אונטער דיזען צאל וואר אויך דער אדאם אונ זיינע פרויא עמינגארדע · איך האב זייא אן גיטראפין אין דעם אנפאנג פון דעם גיין אונ פערציגסטין יאר אלם איך וואר אויף איינער קאמערציעלע רייזע אויף דעם זייט גרענעץ

אפ גימינטערט · אונ אלס ער איז צוא זיך גיקומען · האט ער מיר גערייכט זיין האנט "איר זייט איין בראווער מאן" האט ער זיך אפ גירופין מיט איינער שוואכע שטימע · ניט אזו אבער איך · דען איך האב באליידינט פעראכטעט אייך גאר אומזיסט · איך האב אבער קיין שולד גיהאט דער בייא ווייל מען האט איין יודין האם איין גיפלאנצט אין מיר פון מיינער קינדהייט אן · א פערצייהע מיר ליבער יוזעף · אונ שאפע אונז הילף אין נויט :

איך האב זייא באלד ביידין אריין גינומען אין מיין קארעטקע אונ האב זייא זעלבסט אנטקעגין אווענד אריבער גיפירט דיא גרענצע · אונ האב זייא אפ גיפירט אין אגוטין האטעל · איך האב גישיקט אגוטין ארצט · האב זייא גיגעבין גינוג געלט אונ פלעג זייא באזוכין אלע טאג · אונ האב זייא צוא גיזעהען וויא ווייט מעגליך איז · דאך אבער האט דער אדאם דיזע קראנקהייט ניט איבער לעבט · דען ער איז אין פיר וואכין גישטארבין · אונ דאן וואלט שוין בייא איר רעכט גיוועזין דאש זיא זאל איבער גיין אויף דעם אידעשין גלויבין אום נור צוא הייראטהען מיר · דען עס האט זיך בייא איר ערוואכט דיא אלטע ליבע · דאך איך האב איר אפ גיהאלטין דער פון · איך האב איר גיגעבין צוא פארשטיין דאש פאר איינע רעליגיעזע (פרומע) פרויא וויא זיא וואר ביז יעצט לוינט שוין ניט אין די מיטעלע יארן צו ערקופין איינע ליבע פאר אזו אטייערין פרייז :

איך האב איר אזו גאנצע צווייא יאר גישטיצט מיט אלע מעגליכקייט אונ וואר איר זייער גוט · ביז איך האב אויש געווירקט פאר איר בייא דעם אסטרייכעשין געזאנדטין דאש זיא זאל זיך מענין אום קערין צוריק אהיים · טראץ דעם וואש איך האב נאך גיהאט איינע גרוישע נייגונג צוא איר ווייל איך האב זייער גוט פארשטאנען דאש זיא וועט עס מיט דער צייט בערייען אונ דאן וועלין מיר ביידע אום גליקליך זיין · קוים

איז



"ווען איר האט מיר שוין איין מאל דיא וואהרהייט גיזאגט האב איך מיר צוא זייא אפ גירופין · וועל איך אייך אויך דיא וואהרהייט זאגין · איך בין קיין פוילישער רענעגאט (משומד) אונ אויך קיין ארצט · נור איין יודע · אונ צוואר אייערער איין באקאנטער · אמאל אייער בעסטער גוטער פריינד · זייע מיין, הער הייסט אדאם · אונ זיא מאדאם הייסט עמיגנארדע · אונ איך יוזעף קסעסעניצקע · איך בין רייך · גליקליך · אונ בין נאך אייער בעסטער פריינד · אזו בין איך אין שטאנד אייך גוטעס צוא טאן ווען זייא וועלין נור עס אן נעמען וועלין · דען איך בין דאך איין יודע · אויף מיינעם געהיים וועט זיך פאר אייך דיא גרענצע עפענען · דען איך בין דער פערוואלטער פון דער מירזישע זייטע איבער איר · אונ אלע בעאמטען (ציגאווניקעס) פון ביידע זייטין זיינען מיינע בעסטע פריינדע · אונ דינען מיר אין יעדער צייט · אונ וועל פאר אייך זארגין דארט אין בעלגראד · עס וועט אייך דארט קיין זאך פעלין · דא אבער זייט איר העכסט אום זיכער · פאלגט מיר פאר שטעהעט ניט מיינע הילפע :

"גאט האט גערעכטעט" האט זיא זיך אפ גירופין אויש ברעכענדיק אין אגרוישין וויינן · אונ האט דער בייא פאר דעקט איר געזיכט מיט איר שירצען (פארטוך) ; גאט האט גערעכטעט · דען איך האב אייך באליידיגט גראדע אין דיזער מינוט וואש איך האב אייך גידארפט אכטען דער פאר וואש איר זייט גיבליבין טרייא אייער גלויבין · אונ מיין געוויסין פלאגט מיר נאך ביז איצונד דער פאר · נון האט מיר גאט גערעכטעט · דאש גראדע איר זאלט אין דיזער נויט מיין רעטער זיין · פערצייהעט מיר ליבער יוזעף דען איר זייט איין איידעלער מאן · איין עכטער איזראליט :

אונ ער איז דער ווייטע אויש גרויש שאנדע אונ רייע (חרטה) גיבליבין אין אונמאכט · איך האב אים אבער באלד

אפ

איז זיא אוועק · האב איך געהייראטהעט מיין פרינצעפאלם אטאכטער · איין מיידכען וואש האט ניט איר גלייכין · שיין אונ געבילדעט · דער צוא נאך איינע ערבין פון איר פאטער דען ער האט נור טעכטער אונ ניט קיין זון · אונ לעבע אזוי גליקליך מיט איר ביז היינטיגען טאג :

## דיא חליצה.

עס וועט שוין זיין איאר פופצעהען דאש איינגער מאן וואש עס איז אים געוואורין צוא איינג אין אונזער גרוישין רוסלאנד האט זיך מיט זיינער פרויא וואש וואר נאך איינגער פאר אים אוועק גילאזין קיין אמעריקא · אונ האט דארט אן גיהייבין צוא שטודירען דאש לעבענם בוך גאר פון דאש נייא · דעם ערסטען יאר האט ער נור סלאבעזירט אין אים · דאש הייסט פארדינט זיין לעבענם מיטעל נור דורך דעם וואש ער אונ זיינע פרויא האבין באדינט דיא דינסטין פון גרוישע הייזער · זיא פלעגין זייא ארויף טראגין האלץ וואסער · אויש שייערין כלים · פאלגין אגאנג · אין דעם אנדערין יאר האבין זייא שוין אן ניהייבין איין עטוואס צוא לעזין אך אים · דאש הייסט זייא האבין שוין אן גיהייבין זייער לעבענם מיטיל פיל לייכטער אונ פיל שענער צוא פארדינען · דען זייא ביידע זיינען גיוואורין פאטאצניקעס בייא דעם שטראז אונ דער שטראזזיקע פון יענעם הויף וואו זייא האבין באדינט דיא דינסטין · אין דעם דריטין יאר האבין זייא אין אים שוין גוט עברי ניזאגט · דען זייא האבין אן גיהייבין זייער גוט צוא פארדינען זייא האבין גיבאכט איינע פראצקארנע · אונ האבין באקומען וועם פון גרוישע הייזער · אונ זייא זיינען זיך דורך דעם אזוא ווייט גיקומען דאש זייא האבין זיך דורך דיזע פרנסה דער שאנין צוא איינעם גרוישין פארמעגין · דאש זייא זיינען מיט דער צייט דער קראבין צוא איינער קאלאניע ·

אונ



אונ זייא זיינען גיוואורין גרוישע גבירים · נון האט ער גיהאט שוין בדעה צוא ווערין גאר איין מיליאנער אונ וואלט עס פילייכט גיוואורין ווען עס וואלט אים ניט גיטראפין דיא סבה וואש עס טרעפט אפילו אלע מענטשין · נור אים איין עטוואס צוא פריא · דאש הייסט ער איז גישטארבין אונ האט גילאזין זיין גאנצין פארמעגין דער ווייב · אונ זיא וואלט עס כאר געווים ארונטער גישלונגען זייער לייכט · אונ וואלט באלד מיט דיזעם פארמעגין באגליקט איינעם אנדערין מאן · צום אומגליק אבער האט זיא גידארפט נעמען חליצה נאך · דען איר מאן האט גילאזין אברודער אין ליטא · אונ אום זיך ניט צוא לאזין אפ קילין · האט זיא גישריבין צוא דעם שוואגער דאש ער זאל באלד קומען אונ האט אים גישיקט דרייא הונדערט טאלער אויף הוצאות · ער האט זיך ניט גילאזט בעטין אונ איז אוועק קיין אמעריקא אונ זיא האט אים איבער גינומען אין נייא־יארק · אונ האט זיך דאן גאנץ ארעם פאר קליידעט דאמיט ער זאל פון איר איבעריגעם ניט פארלאנגען · אונ האט אזוי מוציא גיוועען פון איר מיט צרות לבד אויף הוצאות צוריק אטאלער דרייא הונדערט · דען זיא האט זיך אן גיגעבין פאר גאנץ ארעם · קים אבער האט זיא פון אים באקומען חליצה איז ער גיוואר גיוואורין דאש זיא איז זייער רייך · אונ אלם יורש האט ער גאר ניט גיקענט מאכין מיט איר · ווייל דער ברודער האט אפ גיזאגט אלץ איר : ווען אזוי האט ער בייא זיך גיטראכט · ווען זיא האט מיר באטראגין · דא האב איך שוין רעכט אויך איר צוא באטראגין · אונ האט אזוי זייענדיק צום דאזיגען דארט בייא דעם רב אין שטוב וואו עס וואר דארט געשטערין דיא חליצה גילייגט תפילין אויף דער רעכטע האנד פאר דעם רב אין דיא אויגין · קים האט עס דער רב דער זעהען האט ער אים באלד גיפרעגט ״צוא זייט איר ניט אפט איין געלינקטער״ גאנץ געווים, האט ער אים גיענטפערט דען זאנסט וואלט איך

דאך

דאך גילייגט תפילין אויף דער לינקער האנד״ ״ווען אזו״ האט זיך דער רב אם גערופין צו אים מוזט איר דאך געבן איבער נייעם חליצה׳ דען דער דין איז דאש איין געלינקטער מוז געבין חליצה מיט דער לינקער פוס און איר האט גיגעבין מיט דער רעכטער׃

און האט אזו גילאזט רופין דיא שוועגערין צוא זיך׳ דאש זיא זאל נעמען איבער נייעם חליצה׳ און דער שוואגער האט זיך גילאזט שוין באצאלין דער פאר פינף טויזענד טאלער׳ און איז דאך גיבליבין איין גירעכטער׃